STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01964

AFORIZMEN UN GEDANKEN

Yosef Bitensky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַפאָריזמען

און

געדאַנקען

פון

יוסף ביטענסקי

יוסף ביטענסקי

אַפּאָריזמען און געדאַנקען

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Josef Bytenski — Aforizmen un gedanken

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“, Wilno.

געווידמעט צו מיין פרוי ד ב ו ר ה,
וואָס האָט מיך דערמוטיקט צו
פאַרפאַסן די דאָזיקע ווערק.

אַ האַרציקן דאַנק מײַן זון בארנעט, װאָס
האָט מיר געהאָלפן איבערקלײַבן און
דורכזיפן מײַנע אַפאָריזמען.

אַן אַפאָריזם איז נישט קיין פּסוק אין אַ תּורה,
נאָר אַ תּורה אין אַ פּסוק.

✖

קריץ איין אין האַרצן ווי אַ מאָנאָגראַם
דעם האַרציקן און טיפזיניקן עפּיגראַם

צום לעזער

די, וואָס זענען באַקאַנט מיט אַפּאָריזמען, ווייסן, אַז ווען דער שרייבער זאָל זיין אַפילו אַ מלאך איז אוממעגלעך פאַר אים נישט אַרויסצוזאָגן אַמאָל אַ געדאַנק, וואָס עמיצער האָט שוין אַמאָל געזאָגט. אַזוינס האָט געטראָפן מיט גרעסערע מענטשן פאַר מיר. נאָר דאָס קען איך באַהויפּטן, אַז אויב איך האָב יאָ מיט אייניקע אַפּאָריזמען צוגעטראָפן אַנדערע, ווערן זיי בטל אין די פינף־און־צוואַנציק פּראָצענט אָריגינעלע געדאַנקען, וואָס געפינען זיך אין דעם דאָזיקן בוך. ווי דער לעזער וועט זיך אַליין איבערצייגן פון די אַפּאָריזמען, וואָס זענען אידיאָמאַטיש פאַרבונדן מיט דער יידישער שפּראַך. און פון די, וועלכע האָבן אַ ביבלישן אָדער תלמודישן אינהאַלט, און פון די, וואָס האָבן אַ פאַרבינדונג מיט יידישע מנהגים און מיט דער יידישער קולטור, וועלכע קענען בשום אופן אין קיין שפּראַך נישט איבערגעזעצט ווערן.

דער פּאַרפאַסער

אומאָפּהענגיקייט

ווילסטו יענער זאָל דיך נישט אויסקויפן,
זאָלסטו זיך אויך אים נישט אַנטלויפן.

✖

מיר האָבן ליב זיך צו באַהאַלטן
פון דעם וואָס מיר דאַרפן אויסהאַלטן.

✖

ס׳איז בעסער צו אומקומען,
איידער צו יענעם אָנקומען.

✖

ס׳איז שלעכט צו האָבן א בעל־הבית,
וואָס איז איבער זיך אַליין נישט קיין בעל־הבית.

✖

דו קענסט נישט רירן מיט קיין האַנט און פוס —
אויב דו ביסט אין יענעמס רשות.

✖

מיט אייזן שמידט מען דעם גוף,
מיט גאָלד — די נשמה.

✖

גליקלעך איז דער הונט, וואָס זיין בעל־הבית איז אַ מענטש; אומגליקלעך איז דער מענטש, וואָס זיין בעל־הבית איז אַ הונט.

✖

גיי נישט צו גאַסט, אויב דו פּאַסט צו לאַסט.

✖

אַ פאַרהייראַטער מאַן איז אַ געפאַנגענער, וואָס מוז צאָלן זיין גאַנץ לעבן קאָנטריבוציע.

✖

נישט לאָזן זיך אָנטאָן אַ יאָך איז גרינגער ווי צעברעכן אים.

✖

איז דיר שלעכט, שטאַרק זיך, ברודער, און שטיי גלייך: ווערסטו זיך אויף יענעם אָנשפּאַרן, וועט ער זיך אויסדרייען און דו וועסט צו דער ערד אַנידערפאַלן.

✖

האָסטו געפאַלן — הייב זיך אַליין אויף; הייבן דיך אַנדערע אויף — ביסטו נאָך מער געפאַלן.

✖

ס׳איז אוממעגלעך צו זיין אינגאַנצן אומאָפּהענגיק; דער אויסגעשפּראָכנסטער אומאָפּהענגיקער איז אויך אָפּהענגיק — אָן דער אומאָפּהענגיקייט.

אַלטקייט

אַן אַלטער מאַן איז אַ „גרייז" אין דער גאַנצער וועלט, נישט נאָר אין דייטשלאַנד.

✖

דאָס פּנים פון אַן אַלטן מאַן — איז די לאַנדקאַרטע פון יענער וועלט.

✖

די אַלטקייט שרייט צו דער יוגנט: — וואוהין לויפסטו?
די יוגנט צו דער אַלטקייט: — וואוהין קריכסטו?

✖

עשיו האָט פאַרקויפט זיין עלטערקייט פאַר אַ טאָפּ לינזן — אַ נאַרישקייט! איך וואָלט דאָס אָפּגעגעבן אומזיסט.

✖

ווען ס'ווערט אויפן קאָפּ ליכטיק — ווערט אין האַרצן פינצטער.

✖

דער איינציקער פאַרמעגן, וואָס שטעלט זיך אונז אָפּ פון די יאָרן, וואָס גייען אַוועק גיך, איז: אויפן קאָפּ אַ פליך.

✖

יוגנט זאָגט שיר־השירים,
עלטקייט — קינות.

✖

דער געלעכטער פון אַ יונגן איז אַ קאָמעדיע;
דער געלעכטער פון אַן אַלטן — אַ טראַגי־קאָמעדיע.

✖

די עטלעכע שורות קנייטשן אויף דעם אַלטנס שטערן דער־
ציילן אונז פון לעבנס־טראַגעדיעס.

✖

וואָס מער קנייטשן אויפן מוח — אַלץ מער קנייטשן אויפן
פּנים.

✖

די, וואָס זענען אַראָפּ פון דער סצענע,
ווילן שטייען הינטער דער סצענע.

✖

ס׳ווערט פינצטער דער „שטערן״,
ווען ס׳שיינט די „לבנה״.

✖

יוערט דער קאָפּ ווייס — ווערט דאָס פּנים שוואַרץ.

✖

דער קאָפּ ווערט גלאַט, דאָס פּנים — צעקנייטשט.

✖

יוען דער יונגער לאַכט, זיצט דער אַלטער פאַרטראַכט.

✖

וואָס מער די יאָרן גייען פאָרווערטס,
אַלץ מער גייען די אידעען ריקווערטס

✖

ווען הייבן מיר אָן צו פילן, אַז מיר ווערן אַלט?
ווען מיר זעען, אַז די יונגע הייבן זיך אָן פון אונז אָפּ־צורוקן און די אַלטע צוצורוקן.

✖

קיינער וויל נישט קושן אַ צעקנייטשט געזיכט —
מ׳האָט מורא, מ׳וועט די ליפּן צעדראַפּן.

✖

דער יונגער קאָפּ, דער מיטליעריקער נעמט,
דער אַלטער קאָפּ אַריין.

✖

ווערסטו מאַכן אין דער יוגנט פעלערן —
ווערסטו זיי אויף דער עלטער קיין כוח נישט האָבן צו פאַרריכטן.

✖

די, וואָס רעדן קעגן דער שטיפעריי פון יונגע בחורים און מיידלעך — ווילן פון דער וועלט מאַכן אַ מושב־זקנים.

✖

אַן אַלטער קען קיין משא נישט טראָגן, אפילו די האָר פון קאָפּ וואַרפט ער אַראָפּ.

אמת

זאָגן דעם אמת וועגן יענעם — קען אויך א ליגנער;
פאַרליייקענען דעם אמת וועגן זיך — קען אויך אַן אמתער
מענטש.

✖

ליב האָבן דעם אמת — דאַרף מען אויך מיט אַן אמת.

✖

איך גלויב נישט אין דעם אמת פון דער ליבע — איך
גלויב אָבער אין דער ליבע פון אמת.

✖

ווען אויף דער וועלט וואָלט נאָר איין וועג געווען — דער
וועג פון אמת, וואָלט ער מיט גראָז פאַרוואַקסן געוואָרן.

✖

דער וועג צום אמת — איז פאַרשפּרייט מיט ליגן.

✖

„דער אמת איז נאַקעט" — די ליגנער באַקליידן אים.

✖

דעם אמת דאַרף מען זוכן — ווייל דאָס איז א זאַך, וואָס
אַלע באַהאַלטן.

✖

גייט דער אמת אַריין דורכן טיר — אַנטלויפט דער ליגן דורכן פענצטער.

גיב נישט קיין וואָרט דעם, וואָס ברעכט זיין וואָרט.

דער אמת איז ווי גאָלד — מען דאַרף טיף גראָבן ביז מען געפינט אים.

הייסטו מיר זוכן דעם אמת — מסתמא האָסטו אים פאַר־לוירן.

דער אמת איז ווי אייזנוואַסער — ס׳איז ביטער, אָבער ס׳שטאַרקט

אַפּשויד

דער „זײַ געזונט!‟ — נעמט אַוועק דאָס געזונט.

✖

צוליב דעם, וואָס אײערע מײנונגען זענען פֿאַרשײדן,
דאַרפֿט איר זיך נישט צעשײדן.

✖

דער צער, אַז ער איז ווײַט,
איז ער אַ ווײַטער צער.

✖

גײסטו אַוועק — ווערסטו טײַער,
קומסטו צוריק — ביסטו נישט ווערט קײן דרײַער

✖

דער, וואָס בענקט — דער קרענקט.

✖

בעסער גײ אַוועק פֿון יענעם, אײדער יענער זאָל אַוועקגײן
פֿון דיר.

✖

מענטשן װעלן זיך בעסער קריגן און לעבן צוזאַמען, אײ=
דער לעבן בשלום און זײַן אָפּגעזונדערט.

אַרבעט

אַרומגיין ליידיק איז אויך אַן אַרבעט,
אָבער זיצן ליידיק — איז גאָר קיין אַרבעט נישט.

ס'איז בעסער די אַרבעט זאָל זיך נייטיקן אין דיר,
איידער דו זאָלסט זיך נייטיקן אין דער אַרבעט.

אַרבעט פון ליבשאַפט — ברענגט צו ליבשאַפט פון אַרבעט

ס'איז גרינגער אָפּצוטאָן, ווי אויפצוטאָן.

די גרינגסטע אַרבעט איז הייסן יענעם צו אַרבעטן.

ווער טרייבט דעם מאַן צו אַרבעט?
די טרייב-קראַפט פון זיין פרוי.

אויב דו ווילסט, אַז דיין אַרבעט זאָל זיך נישט פאַרער-
גערן — טראַכט שטענדיק ווי איר צו פאַרבעסערן.

צו דיין שטעלע זאָלסטו זיך איבערגעבן,
ווייל ס'איז דאָ, ווער ס'זאָל זי איבערנעמען.

ס'וואַקסן די מזלות פון די רייכע
אויף די מאָזאָליעס פון די אָרעמע.

אַרבעט העלפט דעם מענטשן — וואָס אַרבעט נישט.

אַ שכלדיקע אַרבעט — אַז מען אַרבעט מיט שכל.

מיר האָבן ליב צו אַרבעטן מיט אַ פּלאַן,
און דער פּלאַן איז, אַז יענער זאָל אַרבעטן.

ס'איז בעסער מען זאָל אַראָפּנעמען די שכירות פון דיר,
איידער דיר פון די שכירות.

אַלע האַלטן פונעם ערד־אַרבעטער — פון זיינע פּראָדוקטן.

אָרעמקייט

זענען דיינע קליידער לעכערדיק —
וועלן דיינע ווערטער זיין לעכערלעך.

אָרעמקייט איז אָנשטעקנד —
ווייל ווערסטו אָרעם, צעלויפן פון דיר דיינע פריינט.

אָרעמקייט איז אַ ליידיק פעקל, וואָס קען מיט זיין משא גיבורים צעברעכן.

ביסטו קראַנק און אָרעם — גיי נישט צו קיין דאָקטאָר, ווייל דאָס, וואָס דער רעצעפט וועט פאַרריכטן, וועט דער „ביל" קאַליע מאַכן.

ווען דער רייכער זעט דעם אָרעמאַן, טראַכט ער נישט צו לינדערן דעם אָרעמאַנס אָרעמקייט, נאָר צו פאַרגרעסערן זיין אייגענע רייכקייט, ווייל ער זעט, ווי שלעכט ס'איז אָרעם צו זיין.

„אָרעמקייט האָט גוטע זייטן" — יאָ, איינגעפאַלענע.

אָרנטלעכקייט

כשר איז דאָס געלט, וואָס די פאַרדינסט —
און נישט דאָס, וואָס די געווינסט.

⁂

„גיי אין גלייכן וועג" — דאָס הייסט אין דיין וועג.

⁂

וועגן פרומקייט — האָב איך ליב צו הערן;
וועגן גוטסקייט — צו זען.

⁂

בוקן זיך צום עגל־הזהב טאָר מען נישט —
אָבער מען מוז.

⁂

דער גנב איז ערלעך — ווען גנבהנען איז שווערלעך.

⁂

ווערסטו זיין אומערלעך —
ווערסטו אָנקומען צו דאָקטאָר ערליך.

⁂

דער, וואָס אַסרט אויף זיך, וואָס מען מעג,
וועט מיט דער צייט זיך מתיר מאַכן, וואָס מען טאָר נישט.

⁂

צופיל צניעות — צופיל פּניות.

איוב די וועלט איז אָרנטלעך —
וואָס זשע היט איר אַזוי אייער פאַרמעגן?

דער יושר פון מענטשן —
איז נישט מער ווי אַ „מענטשישער" יושר.

ווילסטו, אַז די גנבים זאָלן דיך האַלטן פאַר אַן אָרנטלעכן מאַן — לאָז זיך באַגנבענען.

אַמאָל האָבן די מלאכים געוואוינט אין הימל און די טייוואָלים אין דרערד — היינט ליגן די מלאכים אין דרערד און די טייוואָלים זיצן אין הימל.

איז דער וועג געקרומט — מוזטו אויך גיין אין דער קרום: וועסטו גיין גלייך, וועסטו דאַן אַראָפּ פון וועג.

פון אַ בוזעם איז אַמאָל ביי משהן קרעציק געוואָרן די האַנט — טאָ היט זיך, יונגערמאַן!

באָלשעוויזם

יעווסעקן, מיט דעם וואָס איר האָט דעם יידישן סדר אויס־
געפירט, האָט איר נאָך דעם רוסישן — נישט איינגעפירט.

✖

די צרות, וואָס מיר לײַדן פון די גויים, וואָס מיר זיצן
צווישן זיי, שטאַמען פון די „גויים", וואָס זיצן צווישן אונז.

✖

די רוסישע ראשי־תיבות: ס. ס. ס. ר., ג. פּ. או., קאָמסאָמאָל—
דערמאָנען מיר אָן דצ"ך, עד"ש, באח"ב.

✖

די סאָלדאַטסקע ביקס וועט נישט באַזיגן דעם רבינס
טייטל.

✖

אומעטום פאַרטרייבט דער בעל־תקיעה דעם שטן —
אין רוסלאַנד פאַרטרייבט דער שטן דעם בעל־תקיעה.

✖

דער אמת אין רוסלאַנד איז פאַרגרייזט (עמעס).

✖

די יידן באַזעצט רוסלאַנד אויף דער ערד,
און די יידישקייט באַגראָבט זי אין דער ערד.

✖

אין אַ לאַנד, וואו די פאַרברעכער זענען פריי —
זענען די פרייע „פאַרברעכער".

אין מדבר ערב איז אַמאָל צוליב מצות מילה דער מלאך־
המות אַנטלאָפן — אין מדבר רוסיה קומט ער צוליב דעם
צו לויפן.

אַך, ווי גוט איז דעם יידן ביי די באָלשעוויקעס! — זאָגט
אַ ייד די הגדה, איז מען אים מכבד מיט קניידלעך...

פרעה האָט די יידן געלאָזן עסן מצה —
סטאַלין האָט דאָס פאַרווערט.

באַליידיקונג

באַליידיקסטו דיין פּאָטער — ביסטו אַ „חם“.

✖

באַליידיקן יענעם קען מען מיט איין וואָרט —
אויף איבערבעטן יענעם זענען הונדערט אויך ווייניק.

✖

וואַרפסטו יענעם אַראָפּ — באַגייסטו אַ מאָרד;
וואַרפסטו זיך אַראָפּ — באַגייסטו זעלבסטמאָרד.

✖

באַליידיקט נישט דער געפאַלענער פרוי —
איר האָט איר געוואָרפן.

✖

אַז איך זידל יענעם, הייסט דאָס: איך האָב אים „אויס-
גערעדט“; ווען יענער רעדט מיר אויס, הייסט דאָס: ער
האָט מיר געזידלט.

✖

דעם וואָס לאָזט זיך אויסליידיקן —
וועט מען נישט באַליידיקן.

✖

אויב איינער קען זיך גוט זידלען —
מסתּמא האָט ער שוין נישט איינמאָל געקריגן געזידלט.

✖

באַליידיקן קענסטו אין יעדער צייט, אָבער אויף איבער־
בעטן מוזטו האָבן דעם פּאַסנדן מאָמענט.

באַליידיקן קענסטו אומעטום, אויף איבערבעטן מוזטו האָבן
דעם פּאַסנדן אָרט.

באַליידיקן קען מען אין יעדער שטימונג,
אויף איבערבעטן מוזטו האָבן די געוואונטשטע שטימונג.

באַליידיקן קענסטו יעדן מענטשן,
איבערבעטן — נישט אַלעמען.

פון באַליידיקן — גייט מען אַוועק מיט ליידיקן;
פון אַ שבת — מיט ריווח.

ס'איז בעסער צו ליידן פון אַן אָנפאַל,
איידער פון אַ דורכפאַל.

דער, וואָס קען נישט פאַרגעסן אַ באַליידיקונג —
וועט נישט פאַרגעסן יענעם צו באַליידיקן.

דער פאַראַליזירטער קערפער פילט נישט קיין שטעכמעסער;
די פאַראַליזירטע נשמה — קיין שטעכווערטער.

ביסטו צופרײנדלעך צו יענעם — ליב אים נישט;
ביסטו צו אים צופרײנדלעך — שענד אים נישט:
מען װעט דיר אין בײדע פאלן נישט גלױבן.

באַרימערייַ

דער, וואָס האָט ליב זיך איבערנעמען,
האָט פֿיינט זיך אונטערנעמען.

✖

ווילסטו זיין, וואָס דו ביסט נישט —
וועסטו אויך נישט זיין, וואָס דו ביסט יאָ.

✖

דו זאָגסט: דו האָסט געטאָן — באַווייז;
דו זאָגסט: דו וועסט טאָן — ווער גלויבט דיר?
דו זאָגסט: דו טוסט — ווער זעט דאָס?

✖

וואָס מער דו וועסט פֿון זיך האַלטן,
אַלץ ווייניקער וועט יענער פֿון דיר האַלטן.

✖

באַרימסטו זיך מיט דיין אמונה —
האָב איך אין דיר נישט קיין אמונה.

✖

צו וואָס זאָלסטו זיך באַרימען?
שיינקייט — זעט מען,
קלוגשאַפֿט — הערט מען,
גוטסקייט — פֿילט מען.

באַרימען זיך מיט שטאַרקייט — איז אַ שוואַכקייט.

באַ

ביי אונז איז נישט דער עיקר דער באַוואוסטזיין,
נאָר דער זיין באַוואוסט.

באַ

אויסערלעכע גרויסקייט — אינערלעכע קלײנקייט.

גאווה

קוקסטו נישט אויף די פיס —
ביסטו נישט זיכער מיט דיין קאָפּ.

✖

זײַ נישט פאַררייסן — וועט מען מיט דיר נישט זיין צערייסן.

✖

מאַך נישט קיין אָנשטעל —
קעגן דעם וואָס האָט דיר אָנגעשטעלט.

✖

ווען דו וואַרפסט אַראָפּ יענעמס גרויסקייט —
זע איך ערשט ווי קליין דו ביסט.

✖

ס'איז נישט שווער צו באַרימען זיך מיט דעם, וואָס מען באַזיצט, נאָך מיראַוסער איז צו באַרימען זיך מיט דעם, וואָס מען באַזיצט נישט.

האַלסטו זיך גרויס — קום נישט אין געזעלשאַפט, מען וועט דיין גרויסקייט פאַרקלענערן.

✖

דערזע איך אַ פויגל אויפן שפּיץ דאַך —
פאַרשטיי איך, אַז ער איז אַליין אַהינצו אַרויפגעפלויגן;

דערזע איך אָבער אַ שטיין אויפן שפּיץ דאַך —
פאַרשטיי איך, אַז אַ יינגל אַ לאָבוס האָט אים אַהינצו
אַרויפגעוואָרפן.

✖

דאָס רוב „הויכע מענטשן" האַלטן זיך אויף פּלעקער.

✖

אונזער ווייטקייט פון מענטשן איז נישט קיין האָריזאָנטאַלע,
נאָר אַ ווערטיקאַלע.

גוטס

די, וואָס ווילן טאָן גוטס — זענען פיל;
די, וואָס טאָן גוטס — זענען ווייניק.

✠

אויב אַלע דיינע אָנגעשטעלטע זענען שלעכט און איינער איז גוט — וואָלט איך אָט דעם איינעם צו מיר אויף קיין שטעלע נישט גענומען.

✠

אַ שיין פּנים ווערט פאַרענדערט —
אַ גוט האַרץ קיינמאָל נישט.

✠

גוטמוטיקייט בויט — קאַפּריז צעשטערט.

✠

ווען דער גוטער וואָלט נישט וויסן, אַז ער איז גוט — וואָלט ער געווען נאָך בעסער;
ווען דער שלעכטער וואָלט וויסן, אַז ער איז שלעכט — וואָלט ער אַזוי שלעכט נישט געווען.

✠

ווילסטו מען זאָל דיך האַלטן פאַר אַ גוטן — זאָלסטו געבן;
ווילסטו זיך נישט קריגן — זאָלסטו פאַרגעבן;
ווילסטו האָבן פריינט — זאָלסטו זיך איבערגעבן;

ווילסטו מאַכן אַ לעבן — זאָלסטו זיך אונטערגעבן;
ווילסטו געפעלן ווערן — זאָלסטו צוגעבן.

די זויערע פרוכט האַלט זיך שטאַרק אויפן בוים —
די זיסע פאַלט פון קלענסטן ווינטל אַראָפּ.

אמתע גוטסקייט — ווערט נישט ערגער פון שלעכטס;
אמתע שלעכטסקייט — ווערט נישט בעסער פון גוטס.

צער־בעלי־חיים שטאַמט גיכער פון אַן איידעלן מאָגן ווי פון אַן איידל האַרץ.

איך בין גאָרנישט צופרידן —
פון דעם וואָס איז צופרידן מיט גאָרנישט.

גלחים

די הייליקע טראָגן לאַנגע זאַכן,
פאַרלאַנגען אַלע זאַכן
און דערלאַנגען אַלע זאַכן.

⌘

דער גייסטלעכער וואָלט נישט געהויבן דעם קאָפּ צום הימל,
ווען מיר וואָלטן נישט געבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד.

⌘

די, וואָס שפּייזן זיך פון יענעמס גוף —
נעמען פריער ביי אים צו די נשמה.

⌘

איך זע, אַז די גייסטלעכע זענען זייער אַנטוויקלט —
קערפּערלעך.

⌘

איך האַלט מער פון די, וואָס האַנדל איז זייער רעליגיע,
איידער פון די, וואָס רעליגיע איז זייער האַנדל.

⌘

איר קלאָגט אויף די שאַרפע געטראַנקען,
און איך — אויף אייערע פאַרשימלטע געדאַנקען.

⌘

די, וואָס רעדן וועגן גאָט אַפּולע,
טראַכטן וועגן אים ווייניק.

✠

די גלחים האָבן זיך אַמאָל געבוקט צו קעלבער —
היינט בוקן זיך די קעלבער צו די גלחים.

גליק

לויפסטו צום גליק — לויפסטו אים אַריבער;
גייסטו צו אים לאַנגזאַם — דערגרייכסטו אים נישט.

✖

דער, וואָס זאָגט, אַז די אומגליקן זענען אַ גליק פאַר
מענטשן — זאָל האַלטן אָט דאָס גליק פאַר זיך.

✖

ס'איז בעסער, אַז מען זאָל דאָס גליק נישט זען,
איידער זען און מען זאָל נישט קענען דערלאַנגען.

✖

ווערסטו וואַרטן אויפן גליק —
וועט דאָס גליק נישט וואַרטן אויף דיר.

✖

דעם געהאָנגענעמס שטריק
ברענגט אַנדערע גליק.

✖

גליק פירט אַמאָל צו אומגליק;
אומגליק — צו גליק.

✖

וואו דער שכל איז דאָ —
איז קיין מזל נישטאָ;

וואו דאָס מזל איז דאָ —
איז קיין שכל נישטאָ.

אונזער גליק איז, וואָס דער מענטש וויל נישט טאָן אַלץ
וואָס ער קען — און קען נישט טאָן אַלץ וואָס ער וויל.

גליק באַשטייט פון איין וואָרט -
אומגליק פון צוויי...

דאָס גליק וויל נישט קומען —
דאָס אומגליק וויל נישט אַוועקגיין.

„גליקלעך" איז דער ישיבה־בחור —
ער לעבט פון די „טעג".

גע͏לט

מען קאָן נישט אויפקלייבן קיין געלט,
וואו יענער זאָל דאָס פריער נישט צעוואָרפן.

⌘

די אַקטיאָרן שפּילן זייער ראָלע,
ווייל געלט שפּילט איר ראָלע.

⌘

ווערט שווערער אין קעשענע —
ווערט גרינגער אין האַרצן.

⌘

„כסף" און „זהב" — האָבן נישט קיין רבים אויס־געהאַלטן.

⌘

בענטשן קענסטו אָן מזומן, אָבער עסן זאָלסטו פאַר מזומן.

⌘

געלט נייטיקט זיך נישט אין חכמה,
אָבער חכמה נייטיקט זיך אין געלט.

⌘

דער, וואָס האָט נישט קיין צורת מטבע —
האָט נישט קיין צורת אָדם.

⌘

די מטבע האָט אַ צורה פון אַ מענטשן,
איר באַזיצער — אַ צורה פון אַ חיה.

גאָלד איז ווייך —
מאַכט איר פון דעם אַ מטבע, ווערט דאָס האַרט.

ווייל די וועלט איז פאַרגעלט —
ווערן די מענטשן פאַרשוואַרצט.

דו מעגסט — אויב דו פאַרמעגסט.

דער אייגנס — איז פרעמדס.

איר זאָגט, אַז אייזן איז שטאַרקער פון גאָלד;
איך זאָג, אַז גאָלד איז שטאַרקער פון אייזן.

דער מענטש גראָבט גאָלד — גאָלד באַגראָבט דעם מענטשן.

גאָלד קומט פון דער ערד און איר באַזיצער הייבט מען
אין הימל אַריין.

מיר יאָגן זיך נאָך געלט —
ווייל געלט יאָגט זיך נישט נאָך אונז.

✱

געלט בילדט — געלט פאַרווילדט.

✱

מיר ווילן זיך טיילן מיטן אידעאַל,
אָבער נישט מיטן קאַפּיטאַל.

✱

אין דער תורה שטייט, אַז שוחד מאַכט בלינד די זעענ־דיקע — איך זאָג, אַז שוחד מאַכט „זעענדיק" די בלינדע

✱

אויב דו לעבסט אין אַ וועלט,
וואו ס׳הערשט הונגער און קעלט—
טאָ היט דיין געלט.

✱

האָסטו געלט — האָב איך דרך־ארץ פאַר דיר;
האָב איך געלט — האָסטו דרך־ארץ פאַר מיר.

✱

ווען געלט ווערט פאַרשוואונדן פון דער וועלט, טוט אויס דער רב דעם שטריימל, דער גלח — די ראַסע, דער שוסטער לייגט אַוועק דעם אָל, דער שניידער — די שער, דער סטאָליער — דעם הובל, דער שמיד — דעם האַמער, נאָר דער פאַרמער וואָלט זיך נאָך שטאַרקער געהאַלטן ביי זיין אַקער.

✱

וואָס איז געלט — ווייסן אַלע;
ווי צו מאַכן געלט — ווייסן ווייניק,
ווי צו האַלטן געלט — ווייסן נאָך ווייניקער.

✖

דער קלאַנג פון גאָלד איז שטיל און הערט זיך פון איין עק וועלט ביזן צווייטן.

✖

מטבעות איז גרינג צו פונאַנדערוואַרפן,
אָבער שווער אויפצוקלייבן.

✖

ווילסטו היטן זיך — היט דיין געלט;
ווילסטו היטן דיין געלט — היט זיך.

✖

געלט קומט צו — מעבל קומט אָפּ.

✖

דער „מחצית השקל" פאַרטרייבט די מגפה.

✖

אַמעריקע — איז טאָלער־אַנט.

✖

ויקהל און פקודי — גייען צוזאַמען*).

---

*) קהל הייסט זאַמלען, פקוד — ציילן.

גערעכטיקייט

איך בין גערעכט, ווייל איך בין נישט דו;
דו ביסט אומגערעכט, ווייל דו ביסט נישט איך.

דאָס מערסטע אורטיילן—קומען פון פאָראורטיילן.

זאָגט נישט: „פאָלקס־משפט" —
דאָס פאָלק שטראָפט אָן משפט.

דער בלינדער טאָר נישט משפטן דעם זעענדיקן.

משפטן — קענען ווייניק, פאַרמשפטן — אַלע.

די גערעכטיקייט פון גלויבן — באַשטייט אין גלויבן אין גערעכטיקייט.

דער אַדוואָקאַט פאַרטיידיקט זיך, נישט זיין קליענט — ער ווייסט, אַז דער פּראָקוראָר וועט געווינען, וועט ער פאַרלירן.

דער ריכטער האַלט פֿון עונש, ווייל ער באַקומט דערפֿאַר שכר.

דער גערעכטיקייט פֿון געזעץ —
איז אָפֿט נישט קיין געזעץ פֿון גערעכטיקייט.

ווי קענט איר פֿאַרלאַנגען, אַז דאָס פֿאָלק זאָל באַשיצן די געזעצן — ווען די געזעצן באַשיצן נישט דאָס פֿאָלק.

איך האַלט שטאַרק פֿון געזעץ פֿון ירושה,
און נישט פֿון דער ירושה פֿון געזעץ.

דאַנקבאַרקייט

האָסטו יענעם געטאָן אַ קליינע טובה און ער דאַנקט דיר אָן אַ שיעור — ווייל ער מסתמא דו זאָלסט אים טאָן אַ גרעסערע.

✠

האָסטו איינעם געטאָן אַ טובה און ער באַדאַנקט דיר נישט — וואַרט ער מסתמא אויף נאָך אַ טובה, וועט ער דיר דאַנקען פאַר ביידע.

✠

פאַר אַ טובה — באַדאַנק באַלד;
פאַר אַ רעה — לייג אָפּ דעם פאָרוואורף אויף שפּעטער.

✠

מיר דאַנקען נישט דער בהמה פאַר דער מילך, דער בין — פאַר איר האָניק, ווייל זייער טובה ווערט געטון אינסטינקטיוו; דעם מענטשן אָבער דאַנקען מיר פאַר דער קלענסטער טובה, ווייל דאָס איז קעגן זיין נאַטור.

דאָקטוירים

ווערט שווערער אין האַרצן דעם פּאַציענט,
ווערט גרינגער אין האַרצן דעם דאָקטאָר.

✖

דעם דאָקטאָר טוט נישט ווי דאָס האַרץ,
ווען דעם פּאַציענט טוט ווי דער קאָפּ.

✖

דער דאָקטאָר, וואָס זאָגט אָפּ אַ קראַנקן (אין די אויגן),
דאַרף מען אים אָפּזאָגן.

✖

דאָקטוירים, נעבעך, נעמען זיך אָן פון די קראַנקע —
מיט געלט.

✖

אַ גוט אָפּפירונג — קען אַמאָל אָפּפירן אויף יענער וועלט

✖

זענען די דאָקטוירים קראַנק — איז די וועלט געזונט.

✖

דער דאָקטאָר העלפֿט דעם אַפּטייקער;
דער אַפּטייקער — דעם דאָקטאָר;
דער קראַנקער — ביידן.

ס׳קענען לעבן קראַנקע אָן דאָקטוירים,
אָבער נישט דאָקטוירים אָן קראַנקע.

היפּאָקריטן

דער, וואָס האָט אַ מיאוּס פּנים — טוט אָן אַ מאַסקע.

משה האָט אָנגעטאָן אַ מאַסקע, ווען ער האָט גערעדט מיט גאָט — זינט דאַן זענען פאַרמאַסקירט די אַלע, וואָס רעדן מיט גאָט.

מיר לויבן נישט דעם, וואָס פאַרדינט,
נאָר דעם, ביי וועמען מען פאַרדינט.

אַמאָל האָט שמשון הגבור געפאַנגען דריי הונדערט פוקסן — היינט קען איין פוקס פאַנגען דריי הונדערט שמשונס.

ווען אויף דער וועלט וואָלט נישט געווען געלט,
וואָלט דער מענטש נישט געווען אַזוי פאַרשטעלט

די קענסט זיך פאַרמאַסקירן פאַר „בלינדע",
אָבער נישט פאַר זעענדיקע.

אַ שלאַנג — איז אַ קריכער.

דער הפֿקרית איז אַ טרוס און קען העלדן באַזיגן.

די, וואָס זענען „גאָט די נשמה שולדיק" — האָט גאָט באַדאַרפֿט ביי זיי דעם חוב אויפֿמאָנען—די וועלט וואָלט דאַן אַביסל פֿרייער אָפּגעאָטעמט.

גייסטו איינגעבויגן — מסתּמא טראָגסטו אַ שווערן פּאַק, — נאָר האָב רחמנות, ווייז מיר נישט, וואָס פֿאַר אַ סחורה דו האָסט דאָרטן.

הכנעה

האַלסטו די אויגן צו דרערד —
וועסטו מער ווי ווערעם נישט זען.

✠

הייסט דיר יענער זיך בייגן —
מסתּמא וועט ער רייטן אויף דיר.

✠

ווען דאָס פאָלק האַלט געבויגן דעם קאָפּ,
האַלטן די כּוהנים אויפגעהויבן די הענט.

✠

פאַל נישט צו די פיס —
וועט מען דיר נישט טרעטן אויפן קאָפּ.

✠

ליגן די שטאַפּלען אויסגעצויגן אין דער ברייט,
דאַן קען דער, וואָס טרעט אויף זיי, שטייגן אין דער הייך.

✠

ביסטו ביי זיך געפאַלן, איז דאָס דיין גרעסטע מפּלה.

✠

אויף אַ נידעריקן בוים איז די ווערעם גרינגער צו קריכן.

✠

אויב נידעריקייט שטייט ביי אייך הויך —
קאָנטרעדיקט איר זיך אַליין.

וואָס מער איר וועט זיך בייגן צו דרערד —
אַלץ ווייטער וועט איר זיין פון הימל.

געבויגענער, צעברעך דעם יאָך — וועסטו זיך אויסגלייכן.

בייגט זיך פאַר דיר יענער און בעט דו זאָלסט רייטן אויף אים — זיי פאָרזיכטיק: ווי דו וועסט זיך נאָר זעצן אויף אים, וועט ער דיר געבן אַזאַ שלײדער, אַז דו וועסט האַלז־און־נאַקן צעברעכן.

מיר האָבן ליב איינע די אַנדערע צו דערנידעריקן,
ווייל אויפהויבן איז שווער און אַראָפּצוואַרפן איז גרינג.

ווען דער הויכער מענטש בייגט זיך — דריקט מען אויבן:
ווען דער נידעריקער הייבט זיך — הייבט מען פון אונטן.

ווען די שנייעלעך פליען אין דער הויך — זענען זיי פריש און גלאַנץ;
ליגן זיי זיך אויף דרערד — צעטרעט מען מיט די פיס זייער גלאַנץ.

זיי נישט צו האַרט — מען וועט דיך צעברעכן;
זיי נישט צו ווייך — מען וועט דיך צעבייגן.

✖

הייב יענעם נישט אויף אַזוי הויך —
וועט ער דיך נישט האַלטן אַזוי נידעריק.

✖

זאָגט איר תּחנון — מוזט איר פאַלן.

✖

מיט זאָגן „מודים" איז מען נישט יוצא —
מען דאַרף זיך בוקן.

וועלט

ס'איז אמת, אַז די וועלט דאַרף אונז נישט האָבן
מיר אָבער דאַרפן איר האָבן.

✖

דער, וואָס זאָגט, אַז די וועלט איז משוגע —
פֿאַרגעסט, אַז ער איז אויך נישט ביים זינען.

✖

די אָרדענונג פון דער וועלט — איז אָן אַן אָרדענונג.

✖

דו ווייסט, אַז ס'איז דאָ אַ וועלט —
די וועלט ווייסט אָבער נישט, אַז דו ביסט דאָ.

✖

די וועלט האַלט נישט פון דיר, ווייל דו ביסט ביי איר נישט קיין בן־יחיד; דו אָבער מוזט האַלטן פון דער וועלט, ווייל זי איז ביי דיר אַ בת־יחידה.

✖

האָט די וועלט נישט קיין ווערדע ביי דיר,
וועסטו נישט האָבן קיין ווערדע ביי איר.

✖

מיט געדעכטן קענט איר די וועלט מער פאַרריכטן,
ווי מיט אונטערריכטן

✠

„די וועלט איז נאַריש" — און די חכמים ווילן איר נישט פאַרלאָזן.

✠

אַסך מענטשן וואָלטן נישט פאַרלאָזן די וועלט,
ווען די וועלט וואָלט זיי נישט פאַרלאָזן.

✠

דו וועסט נישט איבערמאַכן די וועלט —
די וועלט וועט דיך איבערמאַכן.

✠

די באַרעכטיקונג פון דער עקזיסטענץ —
האָט נישט קיין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג.

✠

דאָס הויז פון דעם מאַן דאַרף זיין די וועלט;
די וועלט פון דער פרוי — דאָס הויז.

✠

די יידן האָבן די גויים געגעבן אַ יענע וועלט —
דערפאַר ווילן זיי ביי די יידן צונעמען די וועלט.

✠

דעם מענטשנס אינערלעכע וועלט —
איז שטענדיק פאַרשטעלט.

✠

דו קענסט נישט ליידן, וואָס יענער לעבט אויף דער וועלט--
זאָג מיר, ברודער, ווער האָט דיך גערופן אַהער?

⁂

ער מבול וואָלט געראַטעוועט די וועלט —
דער קאַסטן האָט געבראַכט דעם חורבן.

⁂

דער „וועקסל" פון דער וועלט גייט אָן —
קעגן דעם מענטשנס פּראָטעסט.

⁂

ווילסטו לעבן אויף דער וועלט — גיי גלייך מיט דער מאַסע:
וועסטו זיך שטעלן — וועט מען דיך איבערוואַרפן;
וועסטו זיך לייגן — וועט מען דיך מיט די פיס צעטרעטן.

⁂

מיר האָבן ליב צו בייטן אַלץ, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט — אָבער בייטן די וועלט אויף יענער וועלט וויל קיינער נישט.

⁂

„ס'איז אַ נאַרישע וועלט" — דעריבער האָבן אין איר די חכמים קיין אָרט נישט.

זינד

די קינסטלער פאַרקערפּערן די זינד פון פליש אין שטיין—
כדי די זינד זאָל האָבן אַ קיום

✱

דעם טאַטנס זינד — ליידט דאָס קינד.

✱

ליגט מען אין בעט — זאָגט מען נישט קיין על-חטא.

דער יידישער חטא—איז מער נישט ווי גערעדט.

✱

אַ ייד איז „עובר" אויפן גאַנצן על-חטא איין מאָל אין יאָר

✱

טוסטו אַ פאַרברעכן ביינאַכט —
ווערסטו זיין צעבראָכן ביי טאָג

✱

האָט איינער געטאָן אַ פעלער, איז ער מקריב פאַר אַ קרבן
גראָד דעם, וואָס האָט נישט קיין פעלער.

✱

די זינד פון די, וואָס „גיבן" — ווערט שטענדיק פאַרגעבן

מיר דערציילן אונזערע זינד׳
ווען זיי זענען שוין דערציילטע.

דאָס, וואָס מען מאַכט קאַליע אין אַ סעקונדע —
קען מען נישט פאַרריכטן אין אַ שטונדע.

דער פאַרברעך ווערט געטאָן אין דער פינצטער —
דעם שטראָף קריגט מען אין דער ליכטיק.

שפּייז פון פאַרברעכן — מוז מען אויסברעכן.

מען וויל נישט וויסן פאַרוואָס דו האָסט געזינדיקט —
נאָר ווי דו האָסט געזינדיקט

ברעכט דעם פאַרברעכן—אָבער נישט דעם פאַרברעכער.

די, וואָס רוימען אויס די זינד ביי יענעם —
לאָזן דאָס איבער ביי זיך.

איך האָב געזען אַ בערגל מיסט. דער שניי איז געפאַלן און האָט דאָס בערגל פאַרדעקט. אַלץ איז שיין, ווייס און קלאָר. דער פרילינג איז געקומען, דער שניי איז צעגאַנגען און דאָס בערגל מיסט איז ווייטער דאָ. ס׳איז פאַרפאַלן! מיסט מוז מען אַפּרוימען. פאַרדעקן העלפט נישט.

צוליב דעם זינדיקן לעבן —
קען דער אָרעמאַן נישט זינדיקן.

די פאַרברעכן קעגן דער נאַטור —
זענען אויך געזעצן פון דער נאַטור.

דער יונגער, וואָס קען זינדיקן און וויל נישט—איז טייערער פאַר דעם אַלטן, וואָס וויל זינדיקן און קען נישט.

דיין דורכפאַל צו פאַרטראָגן וואָלט געווען גרינגער, ווען דער גראָבער עולם וואָלט נישט לעקן פון דעם די פינגער.

ס'לעבט זיך בעסער דעם צדיק אין אַ וועלט פון רשעים, איידער דעם רשע אין אַ וועלט פון צדיקים.

זיטן

ס'איז נישט אַזוי ווייכטיק צו האַלטן פון וויסן —
ווי וויסן זיך ווי צו האַלטן.

✱

די גוטע מידות — זענען קינסטלעכע.
די שלעכטע — נאַטירלעכע.

✱

וויפל דו ווערסט זיך נישט סטאַרען יענעם נאָכצומאַכן —
וועט יענער אַלץ זיין דער אָריגינאַל און דו מער נישט
ווי אַ קאָפּיע.

✱

אמת מיט איידלקייט — זענען נישט קיין חברים.

✱

איך האָב ליב אַ גוטן פאָרשפּיל. אַ גוטן צושפּיל,
אָבער מער פון אַלץ — אַ גוטן ביישפּיל.

חובות

ס׳איז אונזער גרעסטער חוב —
נישט צו מאַכן דעם קלענסטן חוב.

✖

די נויט פון לוה איז נייטיק פאַרן מלוה.

✖

זעצט יענער אָן —
זעץ זיך אויף אים נישט אָן.

✖

ס׳ליגט קיין זאַך נישט אין קאָפּ —
ווען מען ליגט ביי יענעם אין האַנט.

✖

קומט דיר אַרויס פון מיר —
קען איך נישט אַריינקומען צו דיר.

✖

ס׳איז בעסער צו טראָגן אַלטע זאַכן,
איידער נייע חובות מאַכן.

✖

נישט קיי — און נישט ליי.

נישט געבאָרגט — נישט געזאָרגט.

מיר געדענקען אַ חוב אויפצומאָנען, מיר פאַרגעסן זיך אָבער אָפּצוגעבן — ווייל דאָס, וואָס מיר האָבן, איז צו ווייניק און דאָס, וואָס יענער האָט, איז צופיל.

דער, וואָס גיט אַ מתנה, איז אַ נדבן;
דער, וואָס נעמט — אַ בעל־חוב.

אָפּצאָלן — ברענגט צו איבערצאָלן.

אַן אָפּגעצאָלטער חוב איז ווי אַן אויסגעהיילטע וואונד — די וואונד איז נישטאָ, אָבער אַ סימן איז דאָ.

דער זונס ליכטיקייט איז איר איגן פאַרמעגן, — טאָ וואָס איז דער וואונדער, וואָס איר געזיכט איז אַזוי רויט און פול; די לבנה אָבער מוז איר ליכטיקייט באָרגן ביי דער זון—דעריבער איז גאָרנישט קיין וואונדער, וואָס איר געזיכט איז אַזוי בלאַס, פאַרפלעקט און צעשטשערבעט.

די, וואָס לעבן פון הובות (פּראָצענטניקעס),
דערוווייטערן זיך פון די חובות אין לעבן.

✖

דער, וואָס לייט — דער ליידט.

✖

אונטערשרייבן — ברענגט צו איבערשרייבן.

✖

אַז ס'קומט יענעם, קען מען צו זיך נישט קומען.

✖

דאַרף מען דיר ווענן באַצאָלן דערמאָנען —
זאָלסטו ווענן לייען פאַרגעסן.

✖

דער, וואָס איז פאַרשולדיקט — ווערט באַשולדיקט.

✖

ביסטו איינגעטונקען אין וואַסער, קען דיר העלפן די זון
און דער ווינט; ביסטו איינגעטונקען אין חובות, קענען
דיר נישט העלפן אַפילו דיין פרוי און קינד.

חלום

די זאָגסט, אַז דער חלום איז נבואה;
איך זאָג, אַז די נבואה איז אַ חלום.

✖

די מאָגערע „בהמות" האָבן איינגעשלונגען די פעטע —
אין חלום.

✖

זענען דיינע ברידער פאַסטעכער — אויב דו ווילסט זיי
זאָלן דיר נישט הרגענען, אָדער פאַרקויפן, רעד מיט זיי
וועגן פעטע בהמות און נישט וועגן דיינע שיינע חלומות.

✖

דער בעל־החלומות ווירקט — אויף די פאַרחלומטע.

✖

דער שלאָף פאַרטרייבט די דאגה —
די דאגה פאַרטרייבט דעם שלאָף.

חניפה

אַ גלעט פֿאַרשלעפּערט — אַ קלאַפּ וועקט אויף.

✖

נאָך איידער דער כּוהן פֿאַרנעמט די שטעלע,
הייבט מען אים שוין אָן מיט בוימל צו שמירן.

✖

מען לויבט דעם פֿון וועמען מען לעבט.

✖

אַ גלעט אין באַק — ברענגט צו אַ קוש אין האַנט.

✖

דער וואָס קריכט — פֿאַלט נישט.

✖

דער וואָס קריכט — דערקריכט.

✖

האָניק איז אַ רפֿואה צו אַ שלעכטער צונג.

✖

מיר האָבן פֿיינט אַ חנף — ווען ער חנפֿעט יענעם.

✖

ווען ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל אונז חנפענען —
מאַטערן מיר זיך נעבעך אַליין.

ׂ

מיר האָבן ליב דעם חונף, ווייל ער באַשטעטיקט און פאַר-
גרעסערט דאָס, וואָס מיר טראַכטן וועגן זיך.

ׂ

ווען ס'חנפענען אונז פאַרדאָרבענע מענטשן —
זענען זיי גאָרנישט אַזוי פאַרדאָרבן.

ׂ

ליידסטו פון אַן אָרעמאַן — ליידסטו פון אים אַליין;
ליידסטו פון אַ גביר — ליידסטו פון אים און פון דער
גאַנצער משפחה חונפים אַרום אים.

ׂ

פאַר אומזיסטע חניפות — מוז מען טייער באַצאָלן.

ׂ

ווילסט איר פטור ווערן פון אַ חונף —
הייבט אים אָן צו חנפענען.

ׂ

מיט שמירן — הײלט מען געשווירן.

חתונה

װילסטו דײַן טאָכטער זאָל בליִען,
גיב איר דעם זו(ה)נענשײַן.

✠

אויב דאָס מײדל זיצט — קען די מאַמע נישט אײַנזיצן.

✠

חתונה — אַ לוויה מיט קלעזמאָרים.

✠

חתונה — אַ קינדער־שפּיל אין װעלכער ער פאַרלירט —
און זי „געװינט”.

✠

טראַכט פאַר דער חתונה —
יועסטו נישט זײַן פאַרטראַכט נאָך דער חתונה.

✠

האָסטו חתונה בלינד — װעט דײַן װײַב דיך פירן.

✠

אָן אַ רעכענונג פאַר דער חתונה —
ברענגט צו רעכענונגען נאָך דער חתונה.

✠

חתונה אָן רעכענונג — האָט נישט קיין רעכענונג.

✖

אויף דער חתונה איז געשפּילט
נאָך דער חתונה — פאַרשפּילט.

✖

דאָס „קעצעלע" פאַר דער חתונה
שפּילט־אויף אַ קאַצנים־אָמער נאָך דער חתונה.

✖

דער „הרי־אַת" איז אַ קורצער פּראָלאָג צו אַ לאַנגער דראַמע.

✖

צוליב די שבע־ברכות אויף דער חתונה
קריגט מען הונדערטער קללות נאָך דער חתונה.

✖

די חתונה איז אַ שלאָס, דער גט — אַ שליסל

✖

די כתובה איז אַ קאָנטראַקט פון צוויי שותּפים אויף אימ־פּאָרטירן לעבעדיקע סחורה.

✖

דאָס ברעכן דאָס גלעזל אונטער דער חופּה
איז אַ רעפּעטיציע אויף ברעכן טעלער נאָך דער חופּה.

✖

אַ קינדערלאָז פּאָרפּאָלק —
זענען צוויי שותּפים אין אַ לײדיק געשעפט.

אַן אַלטער מאַן, אַז ער האָט חתונה מיט אַ יונגער פרוי —
לעבט ער אין אַ אָאַזיס און זי אין אַ מדבר.

נעמט דײַן טאָכטער אויס — גיב איר אויס.

אַ יונגער האָט חתונה פון היץ.
אַן אַלטער — פון קעלט.

האָסטו חתונה מיט פאַרמאַכטע אויגן —
וועסטו זיך גטן מיט אָפענע.

אַך, ווי נאַריש מענטשן זענען.
באַגראָבן זיי איינעם — וויינען זיי,
באַגראָבן זיי צוויי — טאַנצן זיי.

האָסטו געזאָגט „הרי את״ — ביסטו אַן אייביקער סאָלדאַט.

דער „הרי־את״ איז אַ דועל־ערקלערונג,
די חופה — דער קאַמף־פּלאַץ,
די אונטערפירער — די סעקונדאַנטן.

אַ פרוי האָט חתונה—נישט ווייל זי האָט נישט פאַר וועמען אויסצוגיסן איר האַרץ, נאָר ווייל זי האָט נישט אויף וועמען אויסצוגיסן איר האַרץ.

פאַר דער חתונה רויבט אַוועק די פרוי ביים מאַן דאָס געלט; נאָך דער חתונה — דאָס געלט מיטן געזונט.

דעם טאָג פון דיין געבורט — קענסטו נישט געדענקען;
דעם טאָג פון דער חתונה — וועסטו האָבן צו געדענקען

ביסטו צוואַנציג — פאַרברענגסטו מיט דיין מיידל;
ביסטו דרייסיק — פרייסטו זיך מיט דיין ווייבל;
ביסטו פערציק — זאָרגסטו מיט דיין ווייב;
ביסטו פופציק — טרויערסטו מיט דיין יידענע.

די אמתע חתונה — הייבט זיך ערשט אָן נאָך דער חתונה

אַ פרוי וויל נישט חתונה האָבן מיט דעם מאַן, וואָס מען שעצט, נאָר מיט דעם, וואָס מען שאַצט.

דער שכל פון אַ פרוי ליגט אין צאָפּ,
דעם מאַנס — אין קאָפּ.

טויט

ס'איז בעסער דער טויט פון שרעק —
איידער די שרעק פון טויט.

*

מען ווייסט נישט דעם סוד פון טויט —
ווייל דעם טויט האָט קיינער נישט איבערגעלעבט.

טעטיקייט

ווּעסטוּ דיינע פעיקייטן נישט אויסנוּצן —
וועלן יענעמס פעיקייטן דיך אויסנוּצן.

קוּמט צוּ דיר די געלעגנהייט —
זיי נישט אין פאַרלעגנהייט.

קענסטוּ נישט בויען קיין פּאַלאַץ — בוי אַ הויז;
קענסטוּ נישט בויען קיין הויז — בוי אַ געצעלט;
קענסטוּ גאָרנישט בויען — טאָ וואָס דאַרף מען דיך אויף
דער וועלט?

ס'איז נישט גוּט — וואָס יענער טוּט.

מען קען נישט זיין אויפגעלייגט —
ווען די אַרבעט איז נישט אָנגעלייגט.

מיט דעם, וואָס דוּ הייסט יענעם טאָן זיין פליכט,
טוסטוּ נאָך נישט דיין פליכט.

טראַכטן

באַטראַכט אַלץ, וואָס דו טוסט —
נישט טו אַלץ, וואָס דו טראַכטסט.

✖

אונזער געדאַנק פליט אין די הימלען
און קען זיך פון דער ערד נישט אויפהויבן.

✖

דענקען ביים לעזן — איז ווי קייען ביים עסן.

✖

די מאַסע זאָגט:
טראַכטן מעגסטו וואָס דו ווילסט —
אָבער טאָן מוזטו וואָס איך וויל.

✖

פילאָזאָפן, איר דענקט וועגן דעם סוד פון לעבן —
און וואָס איז דער סוד פון דענקען, ווייסט איר?

✖

פריער זאָלסטו וועגן — נאָכהער וואָגן.

✖

אָפּלייגן — ברענגט צום איבערלייגן.

✖

לייג נישט צופיל אַרויף אויפן זינען —
וועסטו נישט אַראָפּ פון זינען.

יוגנט

ביסטו אַלט, בענק נישט נאָך דער יוגנט —
דאָס וועט דיך מאַכן נאָך עלטער.

וועסטו זיך אין דער יוגנט נישט איילן,
וועסטו זיך אויף דער עלטער פאַרווײַלן.

דוד האָט זיך פון אבישגן דערוואַרעמט
און זי פון אים — פאַרקילט.

יוגנט — פּאָעזיע; אַלטקייט — פּראָזע.

יונגער דור, זאָג זיך אָפּ פון דעם,
וואָס דער אַלטער דור האָט דיר אָפּגעזאָגט.

יונגערמאַן, וועסטו אין דיין יוגנט נישט זינקען אין בלאָטע—
וועסטו אין דיין עלטער נישט ליידן פון חרטה.

דער אַלטער דאַרף פאַרשטיין דעם יונגן —
ווייל ער איז אויך אַמאָל יונג געווען;
דער יונגער קען נישט פאַרשטיין דעם אַלטן —
ווייל ער איז נאָך אַלט נישט געוואָרן.

כאַראַקטער

אַן איבערגעמאַכטער כאַראַקטער און אַן איבערגעמאַכט
בגד — קענען זיך לאַנג נישט האַלטן.

איידעלע גראָבקייט — איז בעסער ווי גראָבע איידלקייט.

ווילסטו איבערמאַכן אַן עקשן — ביסטו אויך אַן עקשן.

כדי צו זיין נאַטירלעך — מוז מען זיין אַ קינסטלער.

אַן איידעלע נשמה אין אַ גראָבן גוף —
איז אַ יקר־המציאות.

גלייכגילטיק — איז נישט גלייך און נישט גילטיק.

אַוועקמאַכן — איז גרינגער ווי איבערמאַכן.

די אומפריינדלעכע נאַטור —
קען נישט ענדערן די פריינדלעכע נאַטור.

די, וואָס קענען אין דעם מענטשנס כאַראַקטער אַריינדרינגען —
קענען גאָרנישט אַרויסדרינגען.

כבוד

מיר האַלטן פֿון די גרויסע —
פֿון די קליינע פֿאַרלאַנגען מיר, זיי זאָלן פֿון אונז האַלטן

✖

טוסטו אַלץ אום כבוד — ווערסטו האָבן אומכבוד.

✖

דער גייענדיקער לויפֿט נאָך כבוד:
דער הינקעדיקער — קריכט אויף אַלע פֿיר.

✖

דו זאָלסט זיך רעכענען מיט יענעם,
אַז נישט — וועט ער זיך רעכענען מיט דיר.

✖

די גאָלדענע מעדאַלן פֿון העלד
דערמאָנען מיר אָן די געפֿאַלענע אין פֿעלד.

✖

ווערסטו זיך האַלטן שטאַרק —
וועט מען פֿון דיר שטאַרק האַלטן.

✖

די, וואָס יאָגן זיך נאָך כבוד, באַקומען —
אַ וויִיטיק אין די פֿיס.

✖

ווען איינער קריטיקירט כבוד —
פאַרלאַנגט ער כבוד פאַר זיין קריטיק.

✖

מיר האָבן ליב פאַר דעם גרויסן מענטשן זיך שטעלן,
אָבער נישט איינשטעלן.

✖

פאַרלירסטו צוליב דעם לעבן דיין כבוד,
וועט ביי דיר אַן אוצר בלייבן — דאָס לעבן;
פאַרלירסטו אָבער דאָס לעבן צוליב כבוד —
האָסטו ביידע אוצרות פאַרלוירן.

כעס

קומט אָן דער כעס — גייט אַוועק דער דעת.

✠

זײַ ניט הייסבלוטיק —
וועט מען צו דיר ניט זײַן קאַלטבלוטיק

✠

פריער קומט דער וואָלקן, נאָכהער — דער האָגל.

✠

נאָכן איבערבעטן — שלאָפט מען רויִק.

✠

דעם מענטשנס מוח איז אַן אַרכיוו,
דאָס האַרץ — אַן אַרסענאַל.

✠

מיט אַ כעסן — זאָלסטו זיך ניט רייסן.

✠

לאָזט דעם כעסן — ער וועט זיך אַליין צעבייסן.

✠

ברוגזדיקער יונגערמאַן, ווילסטו ניט קיין בשותּפותדיקן
טיש — זאָלסטו אויך ניט וועלן קיין בשותּפותדיק בעט;

ברוגזדיק ווייבל, ווילסטו נישט קיין בשותּפותדיק בעט —
זאָלסטו אויך נישט וועלן קיין בשותּפותדיקן טיש.

גמאָל פּלאַצט איינעם דאָס געדולד —
פון יענעמס געדולד.

מאַך נישט קיין שפּאַס — ווען יענער איז כּעס.

דער כּעסן — אַ קעסל: ס׳קאָכט פון אינעווייניק, ס׳ברענט
פון דרויסן, פון מויל זעצט די שוים, פון נאָז — די פּאַרע.

דער פרידלעכער מענטש מאַכט פון אַ ווענז גאָרנישט;
דער כּעסן — פון גאָרנישט אַ ווענז.

לוקסוס

ווען די פרוי איז שיכור פון לוקסוס —
דרייט דעם מאַן דער קאָפּ.

✖

די, וואָס האָבן גאָלדענע הענט —
דאַרפן נישט קיין גאָלד אויף די הענט.

✖

פאַרשוואָרדיקן זיך צוליב לוקסוס —
איז גאָרנישט קיין לוקסוס.

✖

לוקסוס — אַן אָנטשעפעניש.

✖

דער טאַבאַק האָט געבראַכט נוצן אויף דער וועלט —
דעם טאַבאַק־פאַרקויפער.

✖

פון רויכערן באַקומט מען אַ לייכטקייט אין קעשענע, אַ שווערקייט אין האַרצן, אַ ביטערניש אין מויל און אַ טומל אין קאָפּ.

✖

דער ציגאַר ברענט אויס — אַ לאָך אין קעשענע.

✖

פון צירונג האָט מען אַמאָל געמאַכט אַ קאַלב —
טאָ וואָס איז דער וואונדער, וואָס די קעלבער יאָגן זיך
נאָך צירונג.

✠

די אַמאָליקע פרוי האָט אויסגעטאָן איר צירונג צוליב דעם
קאַלב — די היינטיקע פרוי טוט עס אָן צוליב אַן אָקס.

✠

אויב גאָלד ליגט אויף דיר (צירונג),
וועסטו נישט ליגן אויף גאָלד.

ליבע

דער, וואָס האָט אַלעמען ליב —
קען נישט געליבט ווערן פון אַלעמען.

✖

די ליבע צו ענדערונג — ענדערט די ליבע.

✖

די לבנה איז די בעסטע שדכנטע

✖

ליבע איז וואך ביינאַכט און שלאָפט בייטאָג.

✖

מיידל, האָסטו אַ געדיכטן יוואָלד אויפן קאָפּ —
וועט נישט איין בחור דאַרטן פאַרבלאָנדזשען.

✖

צוליב דעם מיידלס האָר —
האָט נישט איין בחור פאַרלוירן דעם קאָפּ.

✖

דער קוש איז אויבערפלעכלעך:
דער ביס קומט פון טיפן האַרצן.

✖

האָט זיך די ליבע געענדיקט —
האָט זי זיך גאָרנישט אָנגעהויבן.

✱

דו זאָלסט נישט ליבן דעם, וואָס דו זעסט,
נאָר זאָלסט זען וועמען דו ליבסט.

✱

ס'איז בעסער חתונה אָן ליבע —
איידער ליבע אָן חתונה.

✱

די ליידן פון ליבע —
איז בעסער ווי די ליבע פון ליידן.

✱

די קידושין —
איז אַ מין קדיש נאָך דער געשטאָרבענער ליבע.

✱

נאַטירלעכע ליבע — דערקוויקט;
איבערנאַטירלעכע — דערשטיקט.

✱

„זיי קושן זיך", „זיי זענען איבערגעגעבענע פריינט" —
נייַן, ברודער, פון די ליפּן ביזן האַרצן איז גאַנץ ווייט.

✱

שלמה האָט געזאָגט:
וואו ס'איז דאָ ליבע, איז נישטאָ קיין זינד;
איך זאָג:
וואו ס'איז דאָ זינד, איז נישטאָ קיין ליבע.

✱

די ליבע צינדט זיך אָן אין דער נשמה און פאַרברענט דעם גוף.

✠

די ליבע, וואָס ווערט פרי דערקלערט —
ווערט גיך צעשטערט.

✠

ווען דיין מיידל זאָגט דיר:
שווער מיר, אַז דו האָסט מיך ליב —
זאָג איר:
איך האָב נישט ליב צו שווערן.

✠

קוש נישט קיין אומבאַקאַנט מיידל:
יעקב האָט דאָס געטאָן, האָט ער נאָכהער געוויינט און זי איז געלאָפן דערציילן דעם טאַטן.

ליגן

אַלע ליגנס פאַרשווינדן מיט דער צייט,
נאָר די געשריבענע פאַרבלייבן.

✖

דער ליגנער, אַז ער האָט נישט וואָס צו טאָן —
איז ביי אים „ליגן" אויך אַן אַרבעט.

✖

ביי אַ ליגנער איז דאָס מויל ערנסט —
און די אויגן מאַכן חוזק.

✖

דער ליגנער ברענגט יענעם שאָדן,
דער אמתער מענטש — זיך אַליין.

✖

דער ליגנער איז אַ שפּין:
די ליגנס — שפּינוועב:
די, וואָס גלויבן אין זיי — פליגן.

✖

אַ ליגנערס אַן אמת — איז אמתער ליגן.

✖

גייסטו אָפּנאַרן, אַפילו אַ בלינדן, מוזטו אָנטאָן אַ פּעל.

✖

דער אמת קען זיין איינזאַם —
דער ליגן מוז האָבן געזעלשאַפט.

✖

אויב מען דערציילט דיר אַ ליגן, און דו דערציילסט אים איבער — ביסטו אויך אַ ליגנער.

✖

אַ לעגענדע — אַן אַלטער ליגן.

✖

ווען קענט איר גלויבן אַ בלאָפער?
ווען ער זאָגט אַליין, אַז ער בלאָפט.

✖

דער אמת ווערט אויף דער עלטער שוואַכער,
דער ליגן — שטאַרקער.

✖

די צופרידנקייט פון פאַלשקייט —
איז אַ פאַלשע צופרידנקייט.

✖

אויף ליגן — קען מען נישט שטעלן.

ליטעראַטור

די ליטעראַטור וועגן דער ליטעראַטור —
איז גרעסער ווי די ליטעראַטור אַליין.

✖

די ליטעראַטור באַשרייבט די וועלט;
אָבער, ווער לייענט זי?
די, וואָס זענען ווייט פון דער וועלט.

✖

ווילסטו לעבן פון שרייבן — זאָלסטו שרייבן פון לעבן.

✖

שרייבט נישט אַרום דעם לעבן — נאָר דעם לעבן אַרום.

✖

אַ גוט בוך איז דאָס, וואָס שטעלט צופרידן די אויגן, דעם קאָפּ און דאָס האַרץ.

✖

ס'ווערט לאַנגווייליק די צייט — פון אַ צייטווייליקן בוך.

✖

שרייבער, אויב אייערע ביכער בעסערן נישט אויס די לעזער — בעסערט אויס אייערע ביכער.

✖

מאַך נישט צו דעם בוך, וואָס עפנט די אויגן.

⌘

— וואָס לעזסטו? — וואָס יענער האָט געשריבן.
— וואָס האָט יענער געשריבן? — וואָס ער האָט געלעזן.

⌘

דער באַלעזענער קוקט מיט דעם שרייבערס אויגן —
זיינע ווערן קאַליע פון לעזן.

⌘

צוליב די סעודות אין עסצימער —
דערצייל ן די שרייבער סודות פון שלאָפצימער.

⌘

ס'איז שטאַרק די תאווה פון שרייבן —
ביי די, וואָס שרייבן פון תאווה.

⌘

דער לעזער קען אַמאָל גיכער צוציען דעם בוך, איידער
דער בוך זאָל אים צוציען.

⌘

דאָס מערסטע ביכער פאַרנעמען זיך מיט פרויען,
אָבער דאָס מערסטע פרויען פאַרנעמען זיך נישט מיט ביכער.

⌘

אַמאָל מאַכט דער בוך דעם לעזער פאַר אַ שטיקל מענטש;
ס'טרעפט אָבער, אַז ס'מאַכט דעם לעזער פאַר אַ שטיקל בוך.

⌘

אַ בוך, וואָס אַנטהאַלט געדאַנקען וועגן דער וועלט, איז טייערער פאַר דעם, וואָס אַנטהאַלט אַ וועלט מיט געדאַנקען.

✖

פון פילאָזאָפישע ביכער — ווער איך פאַרטומלט
פון פּאָעטישע — פאַרחלומט;
פון ראָמאַנטישע — באַצויבערט;
פון הומאָריסטישע — לעבעדיק;
פון רעליגיעזע — מעלאַנכאָליש.

✖

אַמאָל פלעגן די שרייבער דרוקן דאָס געשריבענע — הײַנט שרייבן זיי דאָס געדרוקטע.

✖

ס'איז שווער צו אונטערדריקן דעם איינדרוק פון דרוק.

✖

פאַרוואָס האָט די טויב געבראַכט נחן אַ בלאַט?
צו ווייזן אים, אַז אָן אַ „בלאַט" ווייסט מען נישט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך.

✖

די וועלט איז אַ צייטונג;
די נאַטור — דער רעדאַקטאָר;
די מענער — פּובליציסטיק;
די פרויען — בעלעטריסטיק;
די קינדער — הומאָר;
דאָס לעבן — דער וויץ.

✖

אַ בוך, וואָס נייטיקט זיך אין אַסך פּירושים —
זאָלסטו פון אים גאָר קיין פּירוש נישט מאַכן

✖

לייענט איר אַ בוך — לייענט אים נישט דורך,
נאָר אויף דורך־דורך.

✖

דער בוך, וואָס איז נישט אָפּגענוצט,
איז נישט אויסגענוצט.

לעבן

פון דער מאַשין איז שווער צו לעבן,
אָבער גרינג צו שטאַרבן.

✖

מיר זענען מקנא דעם, וואָס לעבט לאַנג —
נישט דעם, וואָס האָט לאַנג געלעבט.

✖

צום עץ־החיים לאָזט אונז נישט צו — גאָטס גוואַרדיע.

✖

די, וואָס לעבן פון לערנען — לערנען נישט פון לעבן.

✖

די, וואָס לעבן ווי טייבעלעך בייטאָג,
לעבן ווי בהמות ביינאַכט.

✖

דאָס לעבן האָט שטענדיק באַזיגט
די, וואָס האָבן זיך מיט אים געקריגט.

✖

די יאָרן זענען קורץ און מיר פאַרקירצן זיי נאָך מער.

✖

בעסער וואָלט פֿאַר אונז אויף דער וועלט געווען —
ווען מיר וואָלטן אויף איר נישט געווען.

✖

לעבן אָן אַ צוועק — איז נישט צוועקמעסיק.

✖

אַ טויט לעבן — איז אַ לעבעדיקער טויט.

✖

איך האַלט פֿון די, וואָס אַ געלעכטער איז ביי זיי דאָס לעבן, און נישט פֿון די, וואָס דאָס לעבן איז ביי זיי אַ געלעכטער.

✖

ווערסטו קעמפֿן מיטן לעבן — ווערסטו זיך אונטערגעבן.

✖

צוליב דער בענקשאַפֿט נאָכן עבר —
גייט אונז נישט איין דער הווה.

✖

האָסטו נישט קיין לעבן, וועלן זיך אין דיר נישט אינ־טערעסירן — אַפֿילו די „געשטאָרבענע".

✖

ווילסטו זיך אַריינשפּאַרן — מוזטו יענעם אַרויסשפּאַרן.

✖

„נעם פֿון דער וועלט, וואָס דו קענסט" —
מען גיט איבער די הענט.

✖

„לאָז די וועלט גיין ווי זי גייט" — אַ ברירה האָב איך?

⌘

די זאַטע עסן־אויף די הונגעריקע,
די הונגעריקע — איינע די אַנדערע.

⌘

דער יונגער פֿילט;
דער מיטליעריקער פֿאַרשטייט;
דער אַלטער — נישט ער פֿילט, נישט ער פֿאַרשטייט.

⌘

דער יונגער גייט פֿאָראויס;
דער מיטליעריקער גייט מיט;
דער אַלטער שלעפּט זיך נאָך.

⌘

דאָס לעבן איז אַ חלום — אַזוי זאָגן די פֿאַרשלאָפֿענע.

⌘

דאָס קינד איז פֿאַנטאַזיע;
דער בחור — ראָמאַן;
דער מיטליעריקער — דראַמע;
דער אַלטער — טראַגעדיע.

⌘

די אילוזיע איז דעם מענטשנס ווירקלעכקייט,
די ווירקלעכקייט — זיין אילוזיע.

⌘

דער שאָטן פֿון טויט — פֿאַרפֿינצטערט דעם שיין פֿון לעבן.

⌘

ליבסטו אין ספק — איז אַ ספק, צי דו ליבסט.

✖

האָסטו געגעסן פון עץ-הדעת, מוזטו אַנטלויפן פון עץ-החיים

✖

די פילאָזאָפן פרעגן אויפן לעבן אַפילו קשיות —
איך האָב נאָר איין קשיה:
פאַרוואָס איז אויף אַלע קשיות קיין ענטפער נישטאָ?

✖

שלעכט איז דעם, וואָס זעט פאַר זיך אַ ציל אין לעבן
און קען אים נישט דערגרייכן:
ערגער איז אָבער דעם, וואָס האָט דעם ציל דערגרייכט
נאָר דער ציל איז קיין ציל נישט.

„דאָס לעבן", זאָגט איר, „איז ביטער ווי גאַל" —
פליט איר דען נישט צו דאָקטוירים, אויב אייער גאַל איז
נישט אין אָרדענונג?

✖

נישט אַלע, וואָס לעבן פון שיינקייט —
געניסן די שיינקייט פון לעבן.

✖

איך באַדויער נישט דעם, וואָס האָט פאַרלוירן זיין לעבן —
נאָר דעם, וואָס דאָס לעבן האָט אים פאַרלוירן.

✖

אונזער געבורט?
אונזער חתונה!
אונזער טויט.

דער קאָליר פון לעבן איז רויט;
ווייס איז דער קאָליר פון טויט.

„דער מענטש ווייסט נישט פונוואַנען ער איז געקומען
און וואוהין ער גייט אַוועק".
און דאָ ווייסט ער וואו ער איז?

גייסטו אַריבער די גרענעץ, שטעלסטו דייַן לעבן אין געפאַר

לערנען

"ועמען ווילסטו לערנען — די יחידי־סגולה?
זיי נויטיקן זיך נישט אין דעם:
ווילסטו לערנען דער מאַסע — אומזיסט איז דיין אַרבעט.

✲

וויסנשאַפט ווענדט זיך אין לערער;
חכמה — אין דער נאַטור.

✲

איך האָב אָפט געזען אַ מלמד אָן אַ חדר, אָבער נישט אַ חדר אָן אַ מלמד.

✲

איר ווילט געבילדעט מאַכן די גאַנצע וועלט — אַזוי!
גיט אַ קוק אויף דער זון: זי איז די גרעסטע ליכט־פאַר־שפרייטערין און דאָך קען איר ליכטיקייט מער ווי איין האַלבן ערד־קויל נישט באַלייכטן.

✲

דער קאָפּ לערנט דאָס האַרץ,
אָבער דער תלמיד איז אַן עקשן.

✲

מיר קענען נישט לערנען מענטשן, זיי זאָלן יענעם נישט נאַרן — זיי וועלן אונז נישט פאָלגן;

מיר קענען זיי אָבער לערנען, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן נאַרן.

✖

ווילסטו זיך שפּילן — פאַרברענג מיט קינדער;
ווילסטו עפּעס לערנען — פאַרברענג מיט מענער;
ווילסטו גלאַט פאַרברענגען — פאַרברענג מיט פרויען.

✖

פילאָזאָפן, וואָס גרונטעוועט איר זיך אין דער טיף —
איר וועט מוזן צוריק אַרויפקומען צו אונדז פון אויבן;
פּאָעטן, וואָס פליט איר אין דער הויך —
איר וועט מוזן זיך צוריק אַראָפּלאָזן צו אונדז פון אונטן.

✖

נישט קענען ווערט מער אָנערקענט ווי קענען.

לשון-הרע

טראָגט יענער רכילות — העלף אים נישט אונטערטראָגן.

✠

די ערגסטע רגילות — איז טראָגן רכילות.

✠

פרויען טראָגן — רכילות.

✠

ווי קענסטו זיך ווייזן יענעם אין די אויגן —
אַז דו רעדסט אויף אים הינטער די אויגן.

✠

נעם נישט איבער — וואָס מען גיט איבער.

✠

ס'איז פאַראַן איין קלאַס מענטשן, וואָס היטן זיך פון לשון-הרע — שטומע.

✠

באַרעד נישט אפילו דעם באַרעדער.

✠

פאַרטרייב — דעם רכילות־טרייבער.

רעדן וועגן יענעם וועלן אַלע,
טאָן — קיינער נישט.

דער, וואָס רעדט צופיל וועגן זיך, מאַכט,
אַז מען זאָל רעדן צופיל וועגן אים.

דער, וואָס האָט אַ נאַטור זיך אָנצוצינדן —
פאַרברענט זיך אַליין;
דער, וואָס האָט אַ נאַטור אונטערצוצינדן —
פאַרברענט יענעם.

פאַר קליבן ברען־מאַטעריאַל האָט מען מען אַמאָל איינעם
פאַרשטיינט — גוט געטאָן.

אַ קויל דערשיסט דעם גוף,
אַ וואָרט — די נשמה.

ביסטו ביי יענעם אין הויז —
האַלט מען זיך צו דיר מיט רעספּעקט;
גייסטו אַרויס פון זיין הויז —
ווערסטו באַפלעקט.

די צונג ליגט אין נאַסקייט,
דעריבער גליטשט זי זיך אויס.

❖

קרעמער, האָסטו געעפנט דיין מויל —
וועסטו פאַרמאַכן דיין קראָם.

מאָראַל

די מאָראַל איז נישט נאַטירלעך:
די נאַטור איז נישט מאָראַליש.

⁂

די גראַוויטאַציע פון דער ערד לאָזט דעם קערפּער זיך נישט אויפהייבן;
די גראַוויטאַציע פון קערפּער לאָזט די נשמה זיך נישט אויפהייבן.

⁂

די מאָראַל, וואָס קומט פון פאַרשטעלן,
וועט זיך לאַנג ביי אונז נישט אָפּשטעלן.

⁂

ביסטו עקאָנאָמיש געהויבן —
מעגסטו זיין מאָראַליש געפאַלן.

⁂

מאָראַליסטן, ווער בעט אייך פאַרריכטן, וואָס אַנדערע האָבן קאַליע געמאַכט?
בעסער מאַכט איר נישט קאַליע, וואָס אַנדערע האָבן פאַרריכט.

מוסר

דער, וואָס הייסט מיר באַזיגן מיינע תאוות —
מסתמא האָבן זיינע תאוות אים באַזיגט.

✱

אַ שלעכטן זאָלסטו נישט לערנען, נאָר אָנלערנען.

✱

דער גלח זאָגט, וואָס יעזוס האָט געטאָן,
און טוט נישט, וואָס יעזוס האָט געזאָגט.

✱

מוסר איז אַ רעגן אין האַרבסט:
הומאָר — זונענשיין אין פרילינג.

✱

מיט ערגערן — קען מען נישט בעסערן.

✱

דער בעסטער מוסר־ספר — איז דער שבט־מוסר.

✱

דער הונגעריקער מאָגן — קען קיין מוסר נישט פאַרטראָגן

✱

פאָדערסטו פון מיר פרומקייט —
מאָנסטו ביי מיר געלט, וואָס איך בין דיר נישט שולדיק

✖

ווען אַ שיינע פרוי זאָגט מוסר —
רעדט דער יצר־הרע קעגן זיך אַליין.

✖

די „רעטער" האָבן געבראַכט מער צרות אויף דער וועלט
ווי די פאַררעטער.

✖

די חברונער מוסר־ישיבה לערנט אונז, אַז נישט דער מוסר
דאַרף זיין אונזער געווער. נאָר דאָס געווער אונזער מוסר

✖

איר הייסט מיך גיין אין איי׳ער וועג —
וועמען טרעף איך דאָרטן? כלעבן, ס׳איז אומעטיק.

בעסער איבערמאַכן, איידער נאָכמאַכן.

✖

די עשרת־הדברות האַלטן מיר — פאַרשלאָסן אין קאַסטן.

מורא

ווען דו ביסט מורא האָבן פֿאַר יענעם —
וועט יענער נישט מורא האָבן פֿאַר דיר.

שרעק זיך נישט פֿאַר אַ מענטשן, וואָס איז געוואָרן אַ טייוול
נאָר פֿאַר אַ טייוול, וואָס איז געוואָרן אַ מענטש.

ווען דער געפערלעכער ווערט געפערלעך —
איז ער נישט געפערלעך.

אַ קליין קינד האָט מורא פֿאַר פֿרעמדע מענטשן —
ער וועט גרעסער ווערן, וועט ער וויסן, אַז מען דאַרף
מורא האָבן אויך פֿאַר אייגענע.

זאָגט דיר דער פּרייוידיקער. די זאָלסט זיך היטן פֿון פּרוּוען—
מסתּמא האָט ער מורא פֿאַר קאָנקורענטן.

מיר האָבן „ליב" מענטשן -- נישט ווייל מיר האָבן מורא
פֿאַר גאָט, נאָר מיר האָבן „ליב" גאָט, ווייל מיר האָבן
מורא פֿאַר מענטשן.

בלעם האָט דאָך געקענט שעלטן די יידן, זיצנדיק אינדער־היים, וואָס האָט ער געדאַרפט גיין צו זיי?
ער האָט אָבער געוואוסט, אַז פאַר אַ הונט וואָס בילט פונוויטנס האָט מען קיין מורא נישט.

✖

ס'איז בעסער דער טויט פון שרעק,
איידער די שרעק פון טויט.

✖

מען וועט דיר מורא האָבן צו „מעסטן",
אויב דו קענסט זיך פאַרמעסטן.

מנהיגים

פאַרוואָס האָט גאָט געהייסן משהן נעמען דעם שטעקן, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ כבד־פּה?
ווייל גאָט האָט געוואוסט, אַז דעם המון קען העלפן דער שטעקן מער ווי דאָס לשון.

✖

וואָס איז דער וואונדער, וואָס משה איז געווען אַ כבד־פּה—
פון אַ מנהיג קען מען קיינמאָל קיין קלאָרע דיבורים נישט הערן.

✖

פאַרוואָס האָט אונזער גרויסער מנהיג משה געהייסן משה רבינו (דער נאָמען פון אָנהייב און דער טיטל צום סוף) און נישט רבינו משה, ווי אונזערע שפּעטערדיקע משהס האָבן זיך גערופן?
ווייל ביי אונזער אַמאָליקן מנהיג איז געווען דער נאָמען דער עיקר און דער טיטל — דער טפל.
שפּעטער איז שוין פאַרקערט.

✖

דער מנהיג הייבט די האַנט, ווען ער זיצט אויפן שטיין.

✖

מיט אַ קאַלטן טאָן — קען מען נישט הייסן טאָן.

✖

דער שטעקן — פירט דעם בלינדן.

✖

דער פירער פון אָקסן מוז זיין פאַרזיכטיק;
ער טאָר נישט פאַרגעסן, אַז זיינע געפירטע האָבן שפּיציקע הערנער.

✠

אַז דער כהן איז זיך מקריב פאַר אַ קרבן —
ביסטו אַ בהמה.

✠

דער כהן מאַכט דעם עגל — דער נביא צעברעכט אים.

✠

אַמאָל אַ נשיא, אַז ער האָט געזינדיקט, האָט ער געדאַרפט ברענגען אַ באָק פאַר אַ קרבן און דער נשיא האָט זיך געדאַרפט אָנשפּאַרן אויפן באָק, איידער ער האָט אים מקריב געווען. ס'איז אָבער מערקווירדיק: דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, קרבנות זענען בטל געוואָרן און דאָך שפּאַרן זיך די זינדיקע נשיאים היינט אויך אָן אויף די בעק.

✠

ווערט אין אַנשטאַלט באַנוצט דער רוט —
איז דער פירער אַ בעל־עגלה און די אָנגעשטעלטע — פערד.

✠

אַמאָל איז דער פירער געלעגן אין קעסטל;
היינט ליגט דאָס „קעסטל" ביים פירער.

✠

דער דיסציפּלינירטער פירער קען פירן אָן דיסציפּלין.

✠

דעם פירער — גייען מיר נאָך;
דעם פאַרפירער — לויפן מיר נאָך.

זינט גאָט האָט זיך באַוויזן צו משהן אויפן דאָרן — שרייען אַלע דערנער, אַז גאָט איז מיט זיי.

פון מ—אָ נ אַ ר כ י ע קומט אַרויס אַנאַרכיע.

„דער מנהג קען ברעכן אַ דין" —
דער מנהיג — אַ דיין.

אַמאָל איז ביי אונז געוואָרן אַ מנהיג אַ מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרשטאָפּט מויל און אַן אָפּענעם מוח; היינט ווערט ביי אונז אַ מנהיג דער, וואָס האָט אַ פאַרשטאָפּטן מוח און אַן אָפּענעם מויל.

צוליב דעם, וואָס דער נביא האָט געוואָלט דאָס פאָלק אַרויסנעמען פון זומפּ — האָט אים דאָס פאָלק אַריינגע־וואָרפן אין זומפּ.

ווען ס׳דרייט זיך דער קאָפּ — קענען נישט גיין גלייך די פיס.

אַמאָל האָט דער אייזל אַרויפגעקראָכן דעם נביא אויפן פוס— היינט קריכט ער אים אויפן קאָפּ.

מעלות

אויף זען מעלות זענען מיר קורצזיכטיק;
אויף חסרונות — ווייטזיכטיק.

רעדסטו וועגן יענעמס מעלות — שפילסטו סאָלאָ;
רעדסטו וועגן יענעמס חסרונות — האָסטו אַ גאַנצן אָרקעסטער.

דער, וואָס האַלט יענעמס מעלות פאַר חסרונות,
ווייל, אַז מען זאָל האַלטן זיינע חסרונות פאַר מעלות.

פאַרוואָס קריצט מען אויס אויף אַ שטיין דעם טאַטנס מעלות און נישט זיינע חסרונות?
ווייל די מעלות וועט מען פאַרגעסן און די חסרונות וועט מען געדענקען.

רעדסטו וועגן דיינע מעלות —
איז דאָס דיין גרעסטער חיסרון.

מענטשן

דער, וואָס איז נישט קיין מענטש —
איז ביי אים קיין מענטש קיין מענטש נישט.

✱

ווען דער גרויסער מענטש איז מיט אונז —
זענען מיר נישט מיט אים;
ווען מיר זענען מיט אים —
איז ער שוין נישט מיט אונז.

✱

די ערד האָט באַשאַפן גאָט,
דעם הימל — דער מענטש.

✱

ביים לעבן באַגעגנט מען דעם מענטש מיט דערנער,
ביים טויט — מיט בלומען.

✱

די זון גייט אויף אין מזרח און גייט אונטער אין מערב;
די מענטשהייט גייט אויף אין מערב און גייט אונטער
אין מזרח.

✱

„אַלע מענטשן אויף דער ערד זענען גלייך" —
נישט אויף דער ערד, נאָר אין דער ערד.

✱

אין דעם מענטשנס נשמה זענען פאַראַן באַהאַלטענע אוצרות — אָבער נישט אַלע האָבן דעם שליסל צו זיי.

✠

דער מענטש קען בייטן דעם אידעאַל —
דער אידעאַל קען נישט בייטן דעם מענטשן.

✠

אַ מענטש מיט „רעכענונג" — לעבט אויף יענעמס רעכענונג.

✠

זענען מיר אין סכּנה אויפן ים —
ווייל מען אונז ראַטעווען;
זענען מיר זיכער אויף דער יבשה —
ווייל מען אונז דערטרינקען.

✠

אַסך דערווייטערן זיך פון מענטשן,
ווייל מענטשן דערווייטערן זיך פון זיי.

✠

די מאַלפּעס מאַכן נאָך מענטשן;
די מענטשן מאַכן נאָך „מאַלפּעס".

✠

דער מענטש איז באַגרענעצט — אָן אַ גרענעץ.

✠

אַסך מענטשן וואָלטן נישט געלעבט,
ווען מען וואָלט נישט געשטאָרבן.

✠

דער מענטש ווערט „געזעצט",
ווען זיינע פיס ווערן קראַנק.

⌘

דעם מענטשן איז שווער צו פאַרשטיין,
ווייל דער, וואָס וויל אים פאַרשטיין, איז אויך מער נישט
ווי אַ מענטש.

⌘

אַ מעסיקער מענטש — איז אַ געשטאָרבענער.

⌘

דער מענטש ווערט נידעריק — ווען ער ווערט דערהויבן

⌘

דער מענטש קען זיך אַליין אינגאַנצן נישט זען,
ווייל ער פאַרשטעלט זיך.

⌘

אין דער תורה שטייט: ויהי האדם לנפש חיה —
זעלבספאַרשטענדלעך!

⌘

ווען אַ מענטש איז נישט מיט אַלעמען —
זענען נישט אַלע מיט אים.

⌘

אַ מענטש אָן קונצן — איז דער גרעסטער קונצנמאַכער.

⌘

דעם מענטשנס געלעכטער — איז אַ געוויין·
זיין געוויין — אַ געלעכטער.

⌘

דער מענטש אין אַ פעלץ — איז נאַטירלעך.

✱

„יענער איז אַ גנב, אַ גזלן, אַ באַטריגער",
וואָס ווילסט איר? ער לעבט ווי אַ מענטש.

✱

איר האַפט אויף דעם אייבערמענטש —
ווי קען דער אונטערמענטש געבוירן דעם אייבער־מענטש?

✱

„דער מענטש איז דער באַלעבאָס פון דער וועלט"
און קריגט קיין זאַך נישט אָן געלט.

✱

מיט רענטגען־שטראַלן קענט איר דורכדרינגען דעם מענטשנס
קערפּער, אָבער נישט זיין נשמה.

✱

דער מענטש פּרוּווט פאַרענטפערן דאָס רעטעניש פון דער
וועלט. — ווי קען אַ רעטעניש פאַרענטפערן אַ רעטעניש?

✱

די קוואַליטעט פון דער מאַיאָריטעט —
באַשטייט פון קוואַנטיטעט;
די קוואַנטיטעט פון דער מינאָריטעט —
באַשטייט פון קוואַליטעט.

✱

גיט דיר אַ בין האָניק – נעם אַרויס דעם שטאַכל;
טוט דיר אַ מענטש אַ טובה — וואַרף דאָס אינגאַנצן אַרויס.

✱

ווערט איינער איידל, זאָגט מען: ער האָט זיך אויסגע־
מענטשלט — פירושים זענען איבעריק.

✖

די געוואוינהייט קען גיכער צעברעכן דעם מענטשן,
איידער דער מענטש — די געוואוינהייט.

מענער

אַ מאַן רעדט, וואָס ער דאַרף;
אַ פרוי — וואָס זי וויל.

✠

דער מאַן, וואָס זיגט ביינאַכט — ווערט באַזיגט ביי טאָג;
די פרוי, וואָס זיגט ביי טאָג — ווערט באַזיגט ביינאַכט.

✠

מאַן, שאַפסטו זיך איין אַ ליידנשאַפטלעכע פרוי —
ווײסטו האָבן איינגעשאַפטע ליידן.

✠

די פרוי טראָגט פון איר מאַן ניין חדשים;
דער מאַן פאַרטראָגט פון זיין פרוי דאָס גאַנצע לעבן.

✠

דעם מאַן איז גאָרנישט אַריינגעקומען —
וואָס די פרוי איז פון אים אַרויסגעקומען.

✠

דער מאַן האַלט פון דער פרויס הויכקייט,
ווען זי אַפּעלירט צו זיין נידעריקייט.

✠

דער מאַן, וואָס האָט אַ שיינע און איידעלע פרוי —
האָט נישט נאָר אַ גליקלעך לעבן, נאָר אַ לעבעדיק גליק

✠

מאַן, וואָס מער דו וועסט דיין פרוי אַכטן —
אַלץ מער וועט זי דיך פאַראַכטן.

✖

פינצטער וועט זיין דיין מערכה —
אויב דו וועסט נעמען אַ ווייב פון אַ פאַרדאָרבענער משפחה.

✖

דער מאַן איז אַן אַרעסטאַנט,
די פרוי — דאָס געפענקעניש,
די קינדער — די קייטן.

✖

פרוי, הערשט דיין מאַן איבער דיר —
האָסטו געהייראַט אַ הערשער.
הערשסטו איבער דיין מאַן —
האָסטו געהייראַט אַ שקלאַף.

✖

דער מאַן קען נישט פאַרשטיין די פרוי —
ווייל די פרוי באַהערשט דעם מאַנס פאַרשטאַנד.

✖

דער האָן לעבט מיט צופיל ווייבער —
טויג ער אויף כפרות.

✖

ווען אַ מאַן פון צוואָנציק זאָל האָבן דעם פאַרשטאַנד פון אַ מאַן פון פערציק און אַ מאַן פון פערציק — די געפילן פון אַ מאַן פון צוואָנציק, דאַן וואָלט דאָס פאַמיליע־לעבן שטענדיק גליקלעך געווען.

✖

וואָס מער די פרוי ווערט אַנטבונדן —
אַלץ מער ווערט דער מאַן פאַרבונדן.

איז דיין פרוי אַ שלאַנג, טאָ לערן זיך פון משהן: נעם
איר פעסט אין האַנט אַריין — דאַן ווערט זי אַ שטעקן.

משה האָט געזאָגט, אַז דעם מאַן (מן) טאָר מען נישט
איבערלאָזן: — פרויען האַלטן מיט אים.

נאַטור

„קענן דער נאַטור קען מען זיך נישט שטעלן" —
אַפילו נישט זיצן און נישט ליגן.

⌘

אַלטער, דו ווילסט אָפּהאַלטן דעם יונגן, ער זאָל דיך אַזוי פיל נישט שטויסן -
אומזיסט איז דיין אַרבעט, דו אַלטער נאַר! דו ביסט צו שוואַך דערפאַר
יונגער, דו האַלטסט אין איין שטויסן דעם אַלטן —
צו וואָס, יונגערמאַן? דו קענסט זיך פאַרלאָזן אויף דער טיראַניי פון דער נאַטור — זי וועט אָפּטאָן איר שטיקל אַרבעט בעסער ווי דו.

⌘

אַלץ, וואָס די נאַטור האָט אונז געגעבן, איז נאָר אויף צו רייצן זיך מיט אונז:
זי האָט אונז געגעבן שכל און מיר קאָנען נישט באַגרייפן וואָס מיר ווילן;
אויגן — און מיר קענען נישט זען וואָס מיר ווילן;
אַ האַרץ — און מיר קענען נישט קריגן וואָס מיר ווילן;
אַ מויל — און מיר קאָנען נישט עסן וואָס מיר ווילן;
אַ צונג — און מיר קענען נישט רעדן וואָס מיר ווילן;
הענט — און מיר קענען נישט טאָן וואָס מיר ווילן;

פּיס — און מיר קענען נישט גיין וואו מיר ווילן. — זאָגט, איז דאָס אַ יושר?

✖

די נאַטור האָט באַשאַפן גרויסע און קליינע, שטאַרקע און שוואַכע — דעריבער אַפּעליר איך צו אייך, גרויסע, איר זאָלט אויפהויבן די קליינע, און צו אייך, שטאַרקע, איר זאָלט באַשיצן די שוואַכע.

נאַרישקייט

אויב נאַרישקייט ליגט אין קאָפּ —
ליגט דער קאָפּ אין נאַרישקייט.

✖

אויב דיין קאָפּ ליגט אין מאָגן —
ליגט דיין מאָגן אין דיין קאָפּ.

✖

אַ טעמפּער קאָפּ מיט אַ שאַרפע צונג
טוט אויף מער פאַר אַ שאַרפן קאָפּ מיט אַ טעמפע צונג.

✖

אַ הינערשער קאָפּ דאַרף זיך היטן פון אַ פוקס.

✖

וואָס טויגן דעם אָקס די שאַרפע הערנער אויפן קאָפּ,
אַז ער האָט אַ טעמפּן מוח אין קאָפּ.

✖

דער נאַר ווייזט אַרויס זיין נאַרישקייט
ווען ער חכמעט זיך.

✖

איז דיין ווייב אַ בהמה — ביסטו אַן אָקס.

✖

גיב אַ נאַרישן ענטפער אויף אַ נאַרישע פראַגע.

✠

צופיל רעדן וועגן חכמה — איז אויך אַ נאַרישקייט.

✠

ס'איז נישט שיין, אַז מען רעדט נאַרישקייט;
ס'איז אָבער זייער מיאוס, אַז נאַרישקייט רעדט.

✠

די ווייטע ראיה ווערט גיך קאַליע;
די קורצזיכטיקע איז שטענדיק געזונט.

✠

דעם וואָס האָט נישט קיין שכל —
איז מען אַלץ מוחל.

✠

שטאַרבט אַ נאַר — שטאַרבט אויך זיין נאַרישקייט;
שטאַרבט אַ חכם — לעבט זיין חכמה ווייטער.

✠

פאַרוואָס האָט נח נאָך דער קראָ געשיקט די טויב? —
ווייל מיט אַ קראָ קען מען זיך נישט פאַרשאַפן.

✠

חכמות — זענען דאָס רוב פרעמדע,
נאַרישקייטן — אייגענע.

✠

די חכמים דאַרפן דאַנקען די נאַראָנים:

ווען נישט די נאַראָנים, וואָלט מען נישט וויסן ווער זענען די חכמים.

רעדט דער חכם — שטייט דער נאַר און לאַכט;
רעדט דער נאַר — שטייט דער חכם און טראַכט.

דאָס שוואַכע פערד קען אַמאָל פאַרטראָגן דעם שטאַרקסטן מענטש;
דער שטאַרקסטער מענטש קען אָבער נישט פאַרטראָגן דאָס שוואַכסטע פערד.

אין חכמה זאָלסטו זיך אַריינטאָן —
פון נאַרישקייט — אַרויסטאָן.

עגאָאיזם

אין זעלבסטאָפּערונג
זע איך די אָפּערונג פאַר זיך זעלבסט.

✖

אין אָננעמען זיך פון יענעם — גלויבן אַלע,
אין אָננעמען זיך פאַר יענעם — קיינער נישט.

✖

מיר האָבן שטענדיק געדולד —
צו פאַרטראָגן יענעמס אומגעדולד.

✖

קיינער קען נישט פיינט האָבן — זיך צו ליב האָבן.

✖

דאָס, וואָס גייט־אָן אָן מיך — גייט מיך נישט אָן.

✖

„ותתצב אחותו מרחוק”: מרים איז געווען אַ קלוגע קינד — זי האָט געוואוסט, אַז אַ ברודער טרינקט זיך, דאַרף מען שטיין פונווייטן.

ענווה

דער אמתער עניו איז דער, וואָס די וועלט ווייסט נישט פון זיין ענווה.

⁂

מען פרעדיקט ענווה —
כדי די גרויסקייט זאָל קענען רויק לעבן.

⁂

שטעלסטו זיך אויף די קני — ביסטו נידעריק.

עצות

גיב נישט קיין עצה דעם, וואָס וויל נישט הערן דיין עצה; גיב נישט קיין עצה דעם, וואָס וועט נישט פאַרשטיין דיין עצה.

פאַרגעניגן

פיל פאַרגעניגן — ווייניק פאַרגעניגן;
ווייניק פאַרגעניגן — פיל פאַרגעניגן.

✖

צופיל פאַרברענגען — קען אומברענגען.

✖

בעסער דחקות אין רחבות, איידער רחבות אין דחקות.

✖

דאָס פאַרגעניגן פון לעבן ברענגט צו אריכת־ימים;
דאָס לעבן פון פאַרגעניגן ברענגט צו קיצור־ימים.

✖

די פאַרגעניגנס פון פראַנקרייך —
האָבן נאָר די, וואָס זענען רייך אין פראַנקן.

ווי נאַריש מאַן און פרויר זענען:
צוליב איין מינוט פאַרגעניגן פאַרזאָרגן זיי זיך מיט צרות אויף יאָרן.

פאַרפאָלגונג

ווערסטו יענעם נישט נאָכפאָלגן,
וועט ער דיר פאַרפאָלגן.

✠

דער יחיד ווערט צעדריקט אונטער דער משא —
פון דער מאַסע.

✠

ווערסטו זיך איינשפּאַרן קעגן דער מאַכט,
וועט די מאַכט דיך איינשפּאַרן.

✠

דעם אומגליקלעכן באָק איז אַלץ איינס צו וועמען איר
זענט אים מקריב — לד׳ צי לעזאזל.

✠

שרייסטו צו מיר „איך הייס!"
ווער איך צו דיר קאַלט.

✠

ווערסטו נישט טאָן דיין פליכט —
וועט דיין פורמאַן טאָן זיין פליכט.

✠

דער לעבעדיקער המן קלאַפּט אונז
דעם טויטן — קלאַפּן מיר.

✠

די „צדיקים" האָבן אויסגעקווילעט מער מענטשן,
ווי די „רשעים"

✖

יאָגסט זיך נאָך יענעם און דו באַרויבסט אים —
האָט דיין רויב אַ ווערדע;
האָט זיך יענער געלאָזט באַרויבן —
זע, אויב ער האָט דיך נישט באַרויבט.

✖

גריזשעסטו יענעמס ביינער —
וועסטו בלייבן אָן ציינער.

✖

די מאַסע פאַרפאָלגט די יחידים, וואָס גייען פאָראויס, מיט דעם כוח פון די יחידים, וואָס גייען פון הינטן.

✖

יעקב־אבינו און זיין אייניקל טראָצקי האָבן אָנגעקאָרמעט די עשוס מיט „רויטע" און צום סוף האָבן זיי ביידע געמוזט אַנטלויפן — יעקב צום פעטער לבן און טראָצקי צום פעטער ישמעאל.

✖

דער אויסלייזער פון אַ פאָלק —
קען זיך אָפט נישט אויסלייזן פון זיינע אויסגעלייזטע.

✖

דער כוהן מוז זיין באַשפריצט מיט דעם בלוט פון זיינע קרבנות.

✖

די גוייִשע ימים־טובים שטאַמען פון ייִדן;
די ייִדישע טרויער־טעג — פון די גויים.

✠

דער שפּיץ קלויסטער — דערמאָנט מיך אָן שפּיץ שווערד

✠

„די ייִדן זענען געווען די ליכט פון די פעלקער" —
אָן אמת: מען האָט אונז שטענדיק געברענט.

✠

וואָס געצוואונגען — איז נישט געלונגען.

✠

גייט יענער אין וועג — שטייט אים נישט אין וועג.

✠

דער אינטריגאַנט קען נישט זיין טאָלעראַנט.

✠

הילכיק קלינגט דער גלאָק —
ווען מען ליגט אויף אים קיין האַנט נישט אַרויף.

✠

ביסטו אַ נידעריקער און דו ווילסט כאַפּן דעם הויכן — לויף נישט אַליין, נעם אַ פערד מיט, ווייל פערד האָבן שטענדיק געהאָלפן די נידעריקע צו נאָכיאָגן די העכערע פון זיי.

✠

דער „דרוק" קומט פון דייטשלאַנד —
איבערהויפּט פאַר ייִדן.

✠

„דער ייד איז דער עם־הספר" —
יאָ, ער ליגט אונטערן דרוק.

✖

די מלוכה, וואָס באַדט זיך אין בלוט,
וועט זיך אין בלוט דערטרינקען.

פאַרשטאַנד

שעקספּיר איז געווען גרויס, ווייל ער האָט געזען, וואָס ס'טוט זיך אין מענטשנס האַרץ —
ווי גרויס איז אָבער דער, וואָס פאַרשטייט, וואָס ס'האָט זיך געטון אין שעקספּירס האַרץ.

⁂

אַז מען האָט שׂכל — קען מען זיין אַ קלוגער.

⁂

דער שׂכל איז דער פירער,
דער אינסטינקט — דער פאַרפירער.

⁂

האָסטו צעבראָכן דיינע פיס —
קען דיר נאָך דינען דיין קאָפּ;
האָסטו דיין קאָפּ צעבראָכן —
וועלן דיר דיינע פיס אויך נישט דינען.

⁂

מיר קומען צום שׂכל —
ווען ער האַלט שוין ביים אַוועקגיין.

⁂

קלוג זענען ווייניק,
נאַריש — מער,
פאַרנאַרישט — אַלע.

⁂

צו פֿאַרשטיין וואָס ס׳איז גוט —
מוז מען האָבן אַ גוטן פֿאַרשטאַנד.

⁂

ווען אַ קלוגער פֿרעגט בײַ דיר אַ פֿראַגע —
זאָלסטו וויסן, וואָס צו ענטפֿערן,
אַ נאַר —
מאַכט נישט אויס, וואָס דו וועסט אים ענטפֿערן.

⁂

„חכמה איז אַ היילונג פֿאַר דער נשמה",
נאַרישקייט — פֿאַרן גוף.

⁂

חכמה קומט אָפּ — נאַרישקייט קומט צו.

⁂

דער פֿוקס איז דאַר, דער אָקס — דיק

⁂

חכמה איז אַ „שם מקרה" — ריכטיק.

⁂

אַ פֿאָלקס־חכמה באַלאַנגט נישט צום פֿאָלק,
נאָר צום חכם פֿון פֿאָלק.

⁂

דער, וואָס האָט נישט קיין שכל — מוז באָרגן בײַ יענעם

⁂

אַ גראָבער קאָפּ „ברעכט" נישט דעם מוח.

⁂

אויב מיר ווייסן נישט ריכטיק, וואָס ס׳איז געווען —
טאָ ווי קענען מיר וויסן, וואָס ס׳וועט זיין.

✱

דער קאָפּ דאַרף זיין קיל, דאָס האַרץ — וואַרעם.

✱

די פעלקער, וואָס לאָזן זיך נישט נאַרן —
האַלט מען פאַר באַרבאַרן.

✱

דער עץ־הדעת שטייט אין מיטן גאָרטן;
ביי די זייטן — וואַלטן אים די בהמות צעטרעטן.

✱

דער, וואָס האָט אַ קאָפּ — האָט נישט קיין קרוין;
דער, וואָס האָט אַ קרוין — האָט נישט קיין קאָפּ.

✱

אונזער נאַטור צו פאָרשן
צווינגט אונז צו פאָרשן די נאַטור.

✱

ווען דער חכם דאַרף, צאָלט מען אים נישט;
ווען מען צאָלט אים, דאַרף ער שוין נישט.

✱

וואָס טויג די אַרבעט פון דער האַנט,
וואו ס׳אַרבעט נישט דער פאַרשטאַנד?

✱

ווייניק מענטשן באַזיצן די פעיקייט צו פאַרשטיין,
אַז זיי זענען צו גאָרנישט פעיק.

✱

דער מוח איז ווי אַ ברונעם:
שעפּסטו פון אים — קוועלט ער;
שעפּסטו נישט — ווערט ער פאַרדאָרבן.

✶

ביים אַרויפגיין באַנוץ דיין כוח,
ביים אַראָפּגיין — דיין מוח.

✶

— פאַרוואָס קענסטו זיך אַליין נישט?
— ווייל איך בין שטענדיק פאַרנומען יענעם צו קענען.

✶

פאַרוואָס קען אַ מאַן נישט פאַרשטיין אַ פרויס נשמה?
ווייל אים אינטערעסירט נאָר איר גוף.

✶

דער מוח — אַן אייגענע קראָם מיט פרעמדע סחורה.

✶

טרעפן זיך צוויי חכמים צוזאַמען און ביידע ווילן ווייזן,
אַז זיי זענען קליגער איינע פון די אַנדערע — וועט מען
שוין דאַן פון זיי קיין חכמות נישט הערן.

✶

דער מוח באַזיגט דעם כוח.

✶

וויסנשאַפט איז געוואָרן,
חכמה — געבוירן.

פוילקייט

דער, וואָס טוט גאָרנישט — טוט ער זיך.

מען קרעכצט — ווען מען קען נישט אַרבעטן,
מען זיפצט — ווען ס׳איז נישטאָ וואָס צו אַרבעטן,
מען גענעצט — ווען מען וויל נישט אַרבעטן.

גענעצן — ברענגט צו זיפצן.

פוילער, אויך וואָס קענסטו האָפן —
אַז דו האַלסט אין איין שלאָפן.

דער, וואָס פאַרלייגט די הענט —
וועט דערלייגן דעם קאָפּ.

בעסער אָרעקלייגן, איידער אָפּלייגן.

פוילן זיך איז נישט קיין אַרבעט —
וואָלט דאָס געווען אַן אַרבעט, וואָלטן דאָס די פוילע
נישט געטאָן.

ווילסטו לעבן, מוזטו אַרבעטן און שטרעבן ;
ווילסטו ליגן, ווי אַ גולם — איז דיין אָרט אויפן בית=עולם

✠

פרעג נישט דעם פוילן, פאַרוואָס ער פוילט זיך —
ער וועט זיך פוילן צו ענטפערן.

✠

די, וואָס פאַרטרייבן די צייט –
וועט די צייט זיי פאַרטרייבן.

פלײסיקײט

די אַרבעט פון אַ פלײסיקן איז גרינג, װײל ער דאַרף נאָר טאָן אײן זאַך: אַרבעטן;
די אַרבעט פון אַ פױלן איז שװער, װײל ער מוז פריער פאַרטרײבן זײן פױלקײט און נאָכהער אַרבעטן.

✖

בײ אַ פלײסיקן איז טאָג ביז האַלבע נאַכט;
בײ אַ פױלן איז נאַכט ביז האַלבן טאָג.

✖

קענסטו נישט לױפן — גײ,
קענסטו נישט גײן — קריך.

✖

פאַרגיסטו טרערן — װעט גאָרנישט װערן,
פאַרגיסטו שװײס — װעסטו האָבן ברױט און פלײש.

✖

גײ צו דער אַרבעט — פאַר דער צײט,
אַרבעט — אין דער צײט,
גײ אַװעק — נאָך דער צײט.

פעלערן

ווילסטו: מען זאָל פון דיר האַלטן —
מוזטו דיינע פעלערן באַהאַלטן.

✱

חסרונות, וואָס ליגן פון אויבן, זענען גאָרנישט ווערט —
די אמתע חסרונות ליגן טיף באַגראָבן.

✱

דער, וואָס באַמערקט נישט קיין חסרונות,
קען אויך נישט באַמערקן קיין מעלות.

✱

וואָס מער מען גרונטעוועט זיך,
אַלץ מער בלאָטע געפינט מען.

✱

דער גרייז ווערט פאַרריכט —
דער רויטער צייכן פאַרבלייבט.

✱

דעם מענטשן איז שווער צו באַפרייען זיך פון זיינע פע-
לערן — ווייל ער איז „אַ געבונדענער".

✱

די חסרונות, וואָס מיר שרייבן יענעם צו —
זענען צוגעשריבענע.

✱

בעסער נאַטירלעכע חסרונות — איידער קינסטלעכע מעלות.

✱

ס'איז בעסער אַ מענטש מיט אַ חיסרון —
איידער אַ חיסרון אָן אַ מענטש.

✱

אַ שוואַכער זיכּרון — איז אַמאָל גאָרנישט קיין חיסרון.

✱

מיינע פעלערן — וויסטו,
דיינע פעלערן — ווייס איך.

✱

מיר שטעלן פאָר אונזערע מעלות,
מיר פאַרשטעלן אונזערע חסרונות.

✱

צוליב די גאָלדענע שטראַלן פון דער זון זעט מען נישט אירע פלעקן.

✱

בעסער זאָלסטו דיינע פעלערן פאַרבעסערן איידער יענעמס פאַרגרעסערן.

פראָגרעס

ווען ס'וואָלט נישט געווען קיין פּראָגרעס,
וואָלט אויך נישט געווען קיין רעגרעס.

דער פּראָגרעס ווירקט אויף דער ליטעראַטור,
די ליטעראַטור — אויפן פּראָגרעס.

דער מענטש האָט אויסגעבעסערט די בילדונג —
די בילדונג האָט נישט אויסגעבעסערט דעם מענטשן.

די ציוויליזאַציע האָט דער מענטש אַראָפּגעבראַכט —
און זי האָט אים אומגעבראַכט.

ס'איז שווער דעם קערפּער צו גיין אויף הינטער —
דעם גייסט איז גרינגער.

פרויען

פרוי, בענטש נישט קיין ליכט און שעלט נישט דיין מאַן

✖

פרוי, בעסער פאַרקירץ דאָס קליידל און נישט דעם מאַן די יאָרן

✖

די מאָדערנע פרוי נעמט ביי זיך אַראָפּ די האָר און ביי איר מאַן דעם קאָפּ.

✖

גייסטו צווישן שיינע פרויען —
זענען די הענט מקנא די אויגן.

✖

פרוי, דיין מאַן האָסטו פאַרשאַפט פאַרגעניגן
און דאָס קינד וועסטו מוזן וויגן.

✖

איר זאָגט: יענע איז אַ זינדיקע פרוי —
פון וואַנען ווייסט איר?
זענט איר נישט אַמאָל אירע שותּפים?

✖

אַ פרוי קען יענעם פילן, אָבער נישט פאַרשטיין.

✖

האַלטן זיך פרײַ מיט אַ פרוי קען אויך אַ שקלאַף.

✖

די, וואָס מאָלן פרויען — זענען מענער;
די, וואָס צעמאָלן מענער — זענען פרויען.

✖

די שיינקייט פון דער פרוי גייט אונטער —
ווען איר זון גייט אויף.

✖

די האַלט פון „יד החזקה" וועט דײַן פרוי נישט האַלטן
פון „מענה-לשון".

✖

האָט דײַן פרוי אַ „מענה-לשון" — שיק איר אַוועק אויפן
בית-הקברות.

✖

איך דענק, אַז די פרוי האָט מען אַרויסגענומען פון דער
לינקער זײַט, ווײַל וואָלט מען איר אַרויסגענומען פון דער
רעכטער — וואָלט דאָך דאָס געווען עפּעס רעכטס.

✖

דער פרויס צונג אַרבעט שטאָך-אַרבעט.

✖

נישט איינער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ צוליב אַ פרויס
האַרץ.

✖

דער פרויס צינגל איז ווייך
און מאכט פונדעסטוועגן א לאָך אין הארצן.

אז דער מאן גיט חלה — קען די פרוי נעמען חלה.

⁂

נעם א פרוי, וואָס איז שיין און קלוג —
וועסטו האָבן וואָס צו זעען און וואָס צו הערן.

⁂

אַלע פרויען זענען רייצנד
די שיינע רייצט אויף די ליידנשאַפט,
די מיאוסע — דעם צאָרן.

⁂

איז דיין פרוי א מיאוסע און א גוטע —
איז זי א גוטע מיאוסקייט.

⁂

דער שטאַרקסטער סם אויף דער וועלט —
איז א פרוי א סם

⁂

די פרוי איז דעם מאַנס אינהאַלט;
דער מאַן — דער פרויס אָנהאַלט.

⁂

דער, וואָס נעמט א פרוי א סם —
פארסמט זיך און לעבט אויף צרות.

⁂

די פרוי וויל, אַז מען זאָל האַלטן פון איר מאַן,
כּדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז זי איז נישט קיין מבין אויף סחורה.

✠

פרויען זענען מלאכים — מלאכי־חבלה.

✠

דער כּוח פון אַ פרוי איז גרויס –
דער כּוח־הדיבור.

✠

יעקב האָט נעגעבן לבנס שאָף פלעקלעך פאַר מענער,
ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אַ בהמה קען זיך פאַרליבן אַפילו אין אַ פלאָקן.

✠

פרוי, עס אָפ דיין מאַן דעם קאָפּ, אָבער נישט דאָס האַרץ.

✠

אַ פרויענ־יעגער פאַנגט נישט זיין רויב,
נאָר זיין רויב פאַנגט אים.

✠

דער גאַנצער קאָסמאָס פון דער פרוי
באַשטייט פון קאָסמעטיק.

✠

דער מדקדק זאָגט, אַז צרה איז לשון נקבה —
איך זאָג, אַז לשון נקבה איז אַ צרה.

✠

אין אַמעריקע קערט די פרוי די וועלט און דער מאַן —
די שטוב.

אַמעריקע איז נישט דעמאָקראַטיש, נאָר דאַמעקראַטיש.

ווילסטו, אַז דיין פרוי זאָל דיך אויפהערן פיינט צו האָבן—
זע, אַז אַן אַנדערע זאָל דיך אָנהויבן ליב צו האָבן.

דעם מאַנס אינערלעך וועזן
איז פאַרנומען מיט דער פרויס אויסערלעך וועזן.

דער פרויס עטיק — באַשטייט פון קאָסמעטיק.

די ליכטיקע אויגן פון דער פרוי האָבן נישט איין מאַן
זיין לעבן פאַרפינצטערט.

איז דאָס מיידל אַ מלאך — נעמט איר צו דער טייוול.

די, וואָס טוען אָן די פרויען אין גאָלדענע רינגען,
טוען אויף זיך אָן אייזערנע קייטן.

די מענער וואָלטן מער געטאָן,
ווען די פרויען וואָלטן ווייניקער געדערט.

אַ פרוי קען האַלטן אַ סוד יאָרן —
אויב יאָרן איז ריכטיק.

בחור, ווען וועסטו דערגיין דיין מיידלס יאָרן —
וועט זי דערגיין דיינע יאָרן.

ווייל די פרוי איז אַרויס פון זיינע (דעם מאַנס) ביינער —
דעריבער קריכט זי אים אַריין אין די ביינער.

ס׳איז פריילעך צו לעבן מיט אַ מרשעת —
זי שפילט אויף יעדן טאָג אַ חתונה.

די בעסטע זאַך צו עסן איז מאַן — אַזוי זאָגן פרויען.

מיט דער שטימונג פון אַ פרוי איז שווער צו שטימען.

די באַלעבאַטים פון אַמעריקע — זענען די באַלעבאָסטעס.

די פרוי האָט ליב צו באַווייזן אירע קני —
כדי דער מאַן זאָל זיך שמעלן פאַר איר אויף זיינע קני.

דעם מאַן דרייט דער קאָפּ —
און די פרוי דרייט מיטן עק.

שרעקט זיך נישט פאַרן מויל, נאָר פאַרן מיילכל.

די פרוי זעט, דער מאַן זאָל זען, ווי זי זעט אויס.

פרויען וואָלטן נישט אַזוי פיל געליטן פון ציין —
ווען זיי וואָלטן אַזוי פיל נישט געגריזשעט.

דער אַפריקאַנער קריגט פאַר אַ בהמה — אַ ווייב;
דער אייראָפּעער — פאַר אַ ווייב אַ בהמה.

אַ פרוי איז גרינג צו באַקומען
און שווער ביי־צו־קומען.

איז דער מאַן דער נאָרד־פּאָל —
איז די פרוי דער מאַגנעט.

די תורה זאָגט, אַז די פרוי איז אַ „זייטיקע" זאַך.

ווען אַ פרוי האָט נישט וועמען צו שטעכן —
בלייבט זי אָן אַ שטאָך אַרבעט.

דעם מאַנס שפּיגל, איז די וועלט,
דער פרויס וועלט — דער שפּיגל.

אונזער זיידע אברהם האָט געקריגן אַ באַגרעבעניש פּאַר אַ ווייב — האָט ער באַצאָלט מיט זיין געלט; זיינע אייני־קלעך באַצאָלן היינט דערפאַר מיטן לעבן.

⁂

דער רוים פון גאָלדענעם רינג
איז דער וועלט־רוים פון דער פרוי.

⁂

אין בוזעם פון דער פרוי ליגן מער דערטרונקענע ווי אין בוזעם פון ים.

⁂

ניכטיק אַליין אין גאַס,
אויב דיין ווייב איז אַ מרשעת.

⁂

הייסט דיין פרוי ברכה —
איז דאָס בלשון סגי־נהור.

⁂

„מנוחה" איז מער נישט ווי אַ נאָמען.

⁂

פאַרוואָס האָט גאָט געמאַכט פון לוויטס ווייב אַ שטיק זאַלץ?
ווייל פון אַ פרוי קען מען קיין צוקער נישט מאַכן.

⁂

דער שיינער געשלעכט איז שטענדיק גערעכט.

⁂

באַשולדיק נישט די פרויען, וואָס צערן דעם קערפּער —
ווייל דאָס איז זייער גאַנץ פאַרמעגן.

✠

ווען דער מאַן וואָלט געהאַט אַן אייזערן הענטל,
וואָלט די פרוי נישט געהאַט קיין געשליפן צינגל.

✠

אַ פרוי — וואָס מער דו וועסט איר הויבן אין הימל,
אַלץ מער וועט זי דיך לייגן אין דער ערד.

✠

אַמאָל איז זאַלץ געווען זייער טייער, נאָר זינט לוטס
ווייב איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ — האָט דאָס זאַלץ
פאַרלוירן איר ווערט.

✠

בעסער דעם מאַנס עקשנות,
איידער דעם ווייבס רחמנות.

✠

דער פּרוויס קערפּער האָט מען אַרויסגענומען פון דעם מאַנס
קערפּער, אָבער איר גייסט איז געמאַכט פון עפּעס אַנ-
דערש — טאָ וואָס איז דער וואונדער, וואָס זייער פאַראיי-
ניקונג איז נאָר אַ קערפּערלעכע און נישט קיין גייסטלעכע.

✠

פרויען האַלטן פון פּאָעטן, ווייל זיי באַזינגען זיי;
זיי האַלטן נישט פון פילאָזאָפן, ווייל זיי קריטיקירן זיי.

✠

די שטימע פון דער פרוי איז ווייך און קען מיט איר קולכל מויערן ברעכן:
איר טריט איז שטיל און קען מיט איר פיסל ערד־ציטערניש ברענגען;
איר הענטל איז צאַרט און האַלט די גאַנצע וועלט אין איר פויסט.

ביסטו צווישן מענער — ווערסטו עפּעס לערנען;
ביסטו צווישן פרויען — ווערסטו פאַרגעסן, וואָס דו האָסט געלערנט.

אַמאָל צוליב פאַרכישופטע — פלעגט מען הענגען די מכשפה,
היינט צוליב דער מכשפה הענגען זיך די פאַרכישופטע.

אַ גרושה איז בראַק —
אַן אַלמנה — נשאר.

ווערט אַ פרוי שטיל אין געזעלשאַפט,
זעט נאָר, צי האָט זי נישט געחלשט.

מאַכט נישט דער מאַן קיין לעבן —
מאַכט אים די פרוי דעם טויט.

ווילסטו דיין מאַן זאָל זיך צו דיר איבערגעבן,
מוזטו זיך צו אים אונטערגעבן.

דער פרויס שמייכל — באַזיגט דעם מאַנס שכל.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס דאָס ווייב איז ביי זיי ווי די מזוזה: פריער שלאָגן זיי איר אָן און נאָכהער קושן זיי איר.

„מכשפה לא תחיה" — איז דער טייטש:
אַ מכשפה לאָזט יענעם נישט לעבן.

דער מאַן ווערט די ערגערע העלפט,
ווען ער קריגט די בעסערע העלפט.

מענער לאַכן פון דער מאָדע —
פרויען ווייינען פון איר.

מיט שיינקייט באַרימען מיר זיך מער ווי מיט שטאַרקייט, ווייל שיינקייט רופט אַרויס ליבשאַפט, און שטאַרקייט — מורא.

די פרויען־גלידער זענען אונטערגעוואָרפן אונטער פאַרשי־דענע קראַנקהייטן, נאָר די צונג נעמט דער טייוול נישט.

ווען משה האָט די יידן אַריבערגעפירט דעם ים, האָט ער זיך גענומען צום זינגען און מרים צו דער פויק — ווייל, וואָס אַ מאַן טוט, מוז די פרוי צופויקן.

ס׳איז נישט כּדאַי צו דינען פֿאַר אַ פּרוּי:
אַמאָל האָט אַ פּרינץ געוואָלט דינען (דינהן) פֿאַר אַ פּרויי.
האָט ער מיט זיין גאַנצע שטאָט געכאַפּט אַ „מיאוּסן
אָפּשניט״.



פרייהייט

בּיסטו העכער פון די אַרומיקע און דו בּיסט פאַרצאַמט —
שפּרינג אַריבּער דעם צוים; אָבער צעבּרעך אים נישט:
ס'איז בּעסער פאַר דיר און פאַר זיי, אַז זיי זאָלן בּלייבּן
ווייטער פאַרצוימט.

„דער מענטש", זאָגט איר, „איז געבּוירן פריי" —
די צרה אָבער איז, וואָס יעדערער טראַכט, אַז נאָר ער
איז אַ מענטש.

דאָס „פרייע לאַנד", וואָס האָט נישט קיין פרייהייט פון
בּאַוועגונג, וועט שאַפן אַ בּאַוועגונג קעגן איר פרייהייט.

לויפסטו פריער, פאַר דער מאַסע — בּיסטו אַ חצוף;
קריכסטו פון הינטן — בּיסטו אַ פוילער;
גייסטו גלייך מיט דער מאַסע — בּיסטו אַ וואוילער יונג.

פריינטשאַפט

ווילסטו דיינע פריינט זאָלן פון דיר האַלטן,
מוזטו זיי אונטערהאַלטן.

⌘

וואָס מער דו ווערסט זיך צוגעוויינען צו מיר —
אַלץ מער וועל איך זיך אָפּגעוויינען פון דיר.

⌘

— „זיי טריי צו דיין חבר״ — זעט!

⌘

ווילסטו האָבן פריינט — אַנאַליזיר זיי נישט,
וואָס דו זוכסט, ווערסטו נישט געפינען.

⌘

גלויב נישט אין דיין פריינט,
וואָס גלויבט נאָר אין זיך.

⌘

איז דיין פריינט „דערפראָרן״,
ווערסטו אים ראַטעווען מיט קעלט.

⌘

די טרייסט ליגט אין הילף;
נישט די הילף אין טרייסט.

⌘

זאָלן די בוימער שטיין צוזאַמען —
וועלן זיי זיך מיט די צווייגן שטעכן;
זאָלן זיי שטיין באַזונדער —
וועט זיי דער ווינט צעברעכן.

✠

דו דאַגהסט, דיין פריינט איז געשטאָרבן —
איך זאָג דיר, אַז ער איז נאָך גאָרנישט געבוירן געוואָרן

✠

פריינטשאַפט איז אַ פאַלשע מטבע —
אָבער אין אַ פאַלשע וועלט דאַרף מען זיך באַנוצן מיט פאַלש געלט.

✠

האָסט אַן איבערגעגעבענעם פריינט — מסתמא איז ער אַ נאַר; ווען נישט, וואָלט ער דיר געווען אַזוי איבערגעגעבן, ווי דו ביסט אים.

✠

איז דיין חבר אומגליקלעך און דו לאַכסט —
ביסטו אומגליקלעכער פאַר אים.

✠

קלייב דיינע פריינט ווי אַרבעס —
אַז נישט, וועסטו זיך אָנעסן מיט ווערים.

✠

דער פריינט, וואָס זוכט דיר,
איז טייערער ווי דער, וואָס דו זוכסט אים.

✠

מיר נעמען אויף פריינט — כדי זיי זאָלן אונז אויפנעמען.

פאַרלירסטו פריינט — פאַרלירסטו געזונט;
פאַרלירסטו געזונט — פאַרלירסטו פריינט.

איז יענער העכער פאַר דיר און ווערט דיין פריינט —
טוט ער דיר אַ טובה;
ביסטו נידעריקער פאַר יענעם און דו ווערסט זיין פריינט —
באַצאָלסטו אַ חוב.

פריינטשאַפט איז ווי יעדער מאַטעריעלער קערפּער:
פון וואַרימקייט ווערט דאָס גרעסער, פון קעלט — קלענער

דו גייסט צו אַ פריינט נישט צו פאַרטרייבן זיין אומעט,
נאָר צו פאַרטרייבן דיין אומעט.

דער נייער פריינט, וואָס דו האָסט געקריגן היינט,
וועט דיר מאָרגן פאַרשאַפן זאָרגן.

פון אַ שונא רוק זיך אָפּ —
צו אַ פריינט רוק זיך נישט צו.

איז יענער אָפנהערציק צו דיר — ווייזט דאָס נישט אויף
דעם צוטרוי, וואָס ער האָט צו דיר, נאָר אויף זיין שוואַכ־
קייט צו קענען פאַרבאָרגן דאָס וואָס מען באַדאַרף.

וויין געמישט מיט וואַסער — דער וויין פֿאַרלירט,
דער וואַסער געווינט.

✦

ווילסטו מער קלײַבן — ווילן אַלץ בעסערע בלײַבן.

פרנסה

אויב דיין פרנסה איז ביי דיר אַ גרויסע זאַך —
פאַרבויג קליינינקייטן.

✖

איינער מאַכט פון דער טראַגעדיע אַ לעבן;
אַן אַנדערער — פון דעם לעבן אַ טראַגעדיע.

✖

ס'איז געשמאַק דאָס ברויט — וואָס קומט דורך נויט.

„ליב דיין חבר ווי זיך אַליין" —
פון ליבע אַליין וועט ער נישט לעבן.

✖

מיר ווילן יענעם אויסבעסערן גייסטלעך —
כּדי ער זאָל אונז נישט ערגער מאַכן עקאָנאָמיש.

✖

מען זאָגט: פאַרברעכער דאַרף מען היילן — דאָס ערשטע
דענק איך, האָט מען זיי געדאַרפט געבן צום מאָגן

✖

דער חזן פאַלט זיבן מאָל כּורעים פאַרן עמוד —
ווייל פון אים האָט ער זיין חיונה.

✖

אסך האָבן זיך געהאָנגען אויף אַ שטריק —
ווייל זייער פרנסה איז געהאָנגען אויף אַ האָר.

✖

דו זאָלסט נישט דערעסן —
דעם פון ווענען דו באַקומסט דיין עסן.

✖

דו מוזט לאָזן דיינע איבערגיין —
אויב דו ווילסט דיין פרנסה זאָל נישט אונטערגיין.

✖

דער קאָפּ בויגט זיך צום בויך —
דער בויך בויגט זיך נישט צום קאָפּ.

✖

דער שרייבער פאַרנעמט זיך מיט תורה־שבכתב —
צוליב תורה־שבעל־פה (אכילה).

פרייליכקייט

זײַ נישט אין כּעס, ווען יענער לאַכט;
לאַך נישט, ווען יענער איז אין כּעס.

✱

טאַנצט ווי־פּל איר קענט —
דאָס קלאַפּן פון די פיס פאַרטרייבט די דאגות פון קאָפּ

✱

לאַך, ברודער — ווײַל דאָס לעבן איז אַ געלעכטער.

✱

כּל־זמן דו לעבסט לאַך —
ווײַל כּל־זמן דו לאַכסט לעבסטו.

✱

דריי זיך, ברודער — די וועלט איז אַ גלגל החוזר.

✱

לערן זיך פון דעם פויגל —
ער גייט שלאָפן אומעטיק און שטייט אויף מיט געזאַנג.

✱

דער שמייכל איז ווי זונענשײַן —
וואָס מער ער האַלט אָן אַלץ פריילעכער איז אויפן האַרצן

✱

ווען אונז וואָלט אַרן, וואָס אַנדערע פאַרלירן —
וואָלטן מיר זיך נישט פרייען, ווען מיר געווינען.

ווילט איר הערן געזאַנג — לעבט נישט אין טומל.

האַלטן זאָלט איר פון לאַכן, נאָר נישט פון אָפּלאַכן.

זוך פרייל עכקייט, ווייל דאָס לעבן איז טרויעריק.

חתן־כלה זענען צוויי — איז זיי פריילעך;
מאַן און ווייב זענען איינס — איז זיי אומעטיק.

ציוניזם

אין גלות קריגן מיר זיך פאַר מזרח־וואַנט —
אין ארץ־ישראל פאַר אַ מעריב־וואַנט.

✖

כל־זמן מיר וועלן זיך קלאָגן פאַר אַ וואַנט,
וועט מען אונז הערן ווי די וואַנט.

✖

אַמאָל האָט זיך אונז אָפּגעשטעלט פון חורבן אַ וואַנט —
היינט שטעלט זיך אונז אָפּ פון דער וואַנט אַ חורבן.

✖

אַמאָל האָבן מיר מקריב געווען אין בית־המקדש בהמות —
היינט זענען מיר מקריב ביי אַ וואַנט פון בית־המקדש
מענטשן.

✖

קושט נישט קיין שטיינער —
וועט מען אייך נישט וואַרפן מיט שטיינער

✖

דער חברונער קבר־אָבות —
האָט געבראַכט צום קבר־בנים.

✖

די אמתע נביאים זענען וויזיאָנערן,
די פאַלשע — רעוויזיאָנערן.

אונזער באָבען שרה האָבן די חברונער באַגראָבן פאַר געלט; אירע אייניקלעך — אומזיסט.



צער

ווּעסטוּ האָבן צער פוּן יענעמס נחת —
ווּעט יענער האָבן נחת פוּן דײַן צער

✖

וואָס טויג די ליכטיקייט פוּן טאָג —
אויב דער טאָג איז „פינצטער" ווי די נאַכט.

✖

וואָס טויג די רויִקייט פוּן גאַס —
ווען ס'שטוּרעמט אין האַרצן.

✖

ווּעסטוּ דײַן צער דערשטיקן — ווּעט ער דיר דערשטיקן.

✖

נישט טראַכט בײַנאַכט — נישט קלאָג בײַטאָג.

✖

ווייִן נישט צוּפיל — ווּעסט קריגן קאָפּ־ווייטיק;
לאַך נישט צוּפיל — ווּעסט קריגן בויך־ווייטיק.

✖

האַלסטוּ זיך אין אײַן באַקלאָגן —
דאַרף מען דיך צוויי מאָל באַקלאָגן.

✖

דיין גרעסטע דאגה — איז מיין קלענסטע דאגה.

✱

האָסטו אַ צער אין דער היים — נעם אים נישט אין גאַס;
האָסטו אים אין גאַס — ברענג אים נישט אַהיים.

✱

אַ פֿאַרוואָלקנטע סטעליע
איז ערגער פֿאַר אַ פֿאַרוואָלקנטן הימל.

✱

מענטש, איז פֿאַר דיר וויייניק די פֿינצטערע נאַכט?
פֿאַרוואָס זאָלסטו זיך פֿאַרפֿינצטערן אויך דעם ליכטיקן טאָג?

צרות

די צרות ליגן פון אויבן — ס׳איז זיי אָבער שווער אויס־צומיידן;
די גליקן ליגן טיף באַהאַלטן און ס׳איז זיי שווער צו געפינען.

✠

די גליקלעכע פאַנטאַזיע —
ברענגט אָפט די אומגליקלעכע ווירקלעכקייט.

✠

דער געטריבענער — איז אַ דורכגעטריבענער.

✠

איוב האָט געליטן קערפּערלעכע שמערצן פון שטן, גייסטיקע שמערצן פון זיינע חברים און איצטער ליידט ער חיבוט־הקבר פון זיינע מפרשים.

✠

די צרות זענען אַמאָל נישט אַזוי גרויס —
נאָר דער כוח צו פאַרליידן זיי איז קליין.

✠

די קלענסטע באַשעפענישן — מאַכן אָן די גרעסטע צרות.

✠

דער וואָס פלאָגט זיך — דער קלאָגט זיך.

✠

מיר קענען נישט לײדן — פֿון די וואָס לײדן.

דער שטאַרקער קערפּער קען טראָגן;
דער שטאַרקער גײסט — איבערטראָגן.

ברענג נישט אויף זיך אַלײן קײן צרות —
דאָס װעלן טאָן אַנדערע.

גליק מוזטו זוכן — אומגליק װעט דיך זוכן.

גליק מאַכט דעם מילדן װילד;
צרות מאַכט דעם װילדן מילד.

מײנע לײדן — דײַנע פֿרײדן;
דײַנע פֿרײדן — מײנע לײדן.

אײנער האָט יסורים פֿון זײַן פּרנסה —
אַן אַנדערער האָט פּרנסה פֿון זײַנע יסורים.

די צרה איז נישט קײן עקרה.

היט זיך פֿאַרן אומגליק,
שטאַרק זיך אין אומגליק,
פֿאַרגעס נאָכן אומגליק.

יענעמס צרות ווילן מיר נישט פאַרמיידן, נאָר אויסמיידן.

די דאגה פאַר דער צרה — פאַרהיט די צרה;
די דאגה אין דער צרה — פאַרגרעסערט די צרה;
די דאגה נאָך דער צרה — איז אַ פרישע צרה.

„די וועלט איז ווערט אַ ציבעלע" — זייער ריכטיק:
זי איז טאַקע גאַנץ ביטער.

קאַמף

װען מיר קענען יענעם נישט באַגרײַפֿן,
װעלן מיר אים אָנגרײַפֿן.

משה רבינו האָט אױך נישט געקענט װירקן אױף אַ שטײן
מיט רײד — קלעפּ האָט געהאָלפֿן.

מאַכט נישט קײן מלחמה קעגן געזעץ —
מאַכט בעסער אַ געזעץ קעגן מלחמה.

נישט קײן אָנגעדרײטער זײגער — קלינגט נישט.

די אידעע קעגן שװערד —
מוז אױך געפֿירט װערן מיטן שװערד.

דער פֿירער פֿון דער װעלט איז נישט דער בעל־חלומות,
נאָר דער בעל־מלחמות.

צװײ פֿעלקער — אַפֿילו אַז זײ זענען נאָך אױף דער
װעלט נישטאָ, איז שױן זײער „ויתרוצצו" דאָ.

איינס פון די ביידע — בייקומען, אָדער אומקומען.

✖

פון שלום צו קריג דויערט אַ סעקונדע;
פון קריג צו שלום קאָן דויערן אַמאָל דאָס גאַנצע לעבן.

✖

אויב דו ווילסט זיך דערנערן —
מוזטו יענעם פאַרצערן.

✖

אָן קריג — ווערסטו גאָרנישט קריגן.

✖

דער, וואָס שטייגט אין דער הויך —
קריכט יענעם אויפן קאָפּ.

✖

אַז מען גיט אַ פּאַטש — ווערט שטיל

✖

די האַנט — מאַכט צו דאָס מויל.

✖

רוקט צו דיר יענער אַריין זיין נאָז —
גיב אים פעפער צו שמעקן.

ס'איז שווער צו קריגן זיך מיט אַ פרעמדן —
מען ווייסט נישט, וואָס אים אויפצוואַרפן.

✖

מיר קריגן זיך אַמאָל מיט יענעם —
ווייל יענער וויל זיך מיט אונז נישט קריגן.

דייטשלאַנד קלאָגט אויף איר קייזער, וואָס דאַרף לעבן אין דער פרעמד, און נישט אויף אירע יונגעלייט, וואָס זענען טויט אין דער פרעמד.

מיר ווילן זיך נישט קריגן —
ווען מיר קריגן וואָס מיר ווילן.

אַ מלחמה איז נישט אַזוי שווער צו האַלטן,
ווי אויסצוהאַלטן.

ווילסט נישט שטרייטן — טאָ שטיי פון ווייטן.

דער בליץ פאַרמאַכט די אויגן —
דער דונער עפנט זיי אויף.

ווען די רעכטע האַנט שלאָגט די לינקע —
ליידן זיי ביידע.

דער קלוגער האַלט מלחמה מיט שאַרף „געווער";
דער נאַר — מיט טעמפּ;
דער כעסן — מיט הייס;
דער רויקער — מיט קאַלט;

דער חונף — מיט ברכות;
דער רשע — מיט קללות;
דער רכילותניק — מיט דער צונג;
דער גביר — מיטן קלינג (פון געלט).

קאַרגשאַפט

דער קאַרגער פאַרצערט נישט זיין געלט —
זיין געלט פאַרצערט אים.

דער, וואָס האָט אַ פאַרמאַכטע האַנט,
האָט אַן אָפן מויל.

דאָס, וואָס דו דאַרפסט אַרויפלייגן אויפן טיש —
לייג נישט אַריין אין באַנק.

דער, וואָס האָט עשירות — ליידט פון „עצירות".

איז יענער איינגעהאַלטן,
זאָלסטו זיך ביי אים נישט אויפהאַלטן.

אַ בונד קעגן אַ מלחמה —
וועט אַרויסרופן אַ מלחמה קעגן בונד.

ס'איז מעגלעך, אַז דער קמצן זאָל ווערן אַ פזרן;
ס'איז אָבער אוממעגלעך, אַז דער פזרן זאָל ווערן אַ קמצן.

װעסטו זיך פֿריער פֿאַרזען,
װעט דיר נישט העלפֿן נאָכהער דאָס צװזען.

✖

װאו ס׳איז דאָ קמצנות — איז נישטאָ קיין רחמנות.

✖

דער קאַרגער װאָלט אויסגעשניטן דעם מאָגן —
נאָר אַן אָפּעראַציע קאָסט געלט.

קינדער

די זאָלסט זיך פרייען, ווען דיין זון ווערט אַ בר־דעת,
און נישט ווען ער ווערט בר־מצווה.

❋

מיר סטאַרען זיך אונזערע קינדער צו באַזאָרגן —
כדי פטור צו ווערן פון זאָרגן.

❋

קינדער פאַרזאָרגן עלטערן — מיט זאָרג.

❋

מער געקינדלט — מער געשווינדלט.

❋

נישט מיט שלאָגן — וועסטו דיין קינדס חסרונות פאַריאָגן.

❋

האָסטו אַ ווייב מיט קינדער — רו נישט!
מיט זיצן און קלערן — וועסטו דיין פאַמיליע נישט דערנערן.

❋

די מאָדערנע דריי־איניקייט:
איין מאַן, איין פרוי, איין קינד איז אויסגעהאַלטן —
טעאָרעטיש.

❋

דער אָרעמאַן, וואָס האַלט נישט פון געבורטס־קאָנטראָל — ווערט ער ליידן פון איבערפּראָדוקציע און די קינדער פון אונטערקאָנסומציע.

געפינט דער טאַטע אַ חסרון אין דעם קינד — איז דאָס „דער מאַמעס״;
געפינט די מאַמע אויס דעם חסרון, איז דאָס „דעם טאַטנס״.

ווייַנט איינער נאָך זיין זון — טרייסט מען אים;
ווייַנט ער נאָך זיין ווייב — טרייסט מען אים נישט: ער איז שוין אַ געטרייסטער.

קלײדונג

ביסטו אַ קריפּל — מאַך נישט דײַן קאָסטיום בײַ אַ שנײַ־דער אַ קינסטלער: דער קאָסטיום װעט דיר נישט קלײדן און דו װעסט דעם מײַסטער באַשולדיקן. ער קאָן נישט פֿאַרקריפּלען זײַן מײַסטערװערק צוליב דײַן פֿאַרקריפּלטן קערפּער.

גײסטו אַ שײנעם גאַנג און דו האָסט דערפֿאַר נישט באַ־צאָלט — װעט דיר דײַן גאַנג נישט אײַנגײן.

די מאָדעס ענדערן די מידות;
די מידות — די מאָדעס.

אַ פּרוּװ קױפֿט אַ קלײד נישט אױף טראָגן —
נאָר אױף אָפּטראָגן (צוריק).

װאָס טויג, װאָס דו גײסט פֿײַן אָנגעטאָן,
אַז דו ביסט פֿון אַלץ אױסגעטאָן.

דער גוף דאַרף אָפֿט האָבן נײַע בגדים;
די נשמה איז צופֿרידן מיט די אַלטע.

צוליב שיינע „זאכן" טוט מען אמאל אפ מיאוסע זאכן.

✖

פארדרייט נישט דעם קאפ דעם זיידענעם יונגנמאן
צוליב א זיידן קלייד.

✖

צוליב זייד אפאר איילן,
ליגט דער מאן אין דר'ערד צען איילן.

קנאה

רייכקייט — פאַרשאַפט קנאה;
קנאה — האַרצווייטיק.

✠

דעם בעל־מקנא — איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין.

✠

קוק נישט אַרויף:
שיינט די זון — וועסטו בלינד ווערן;
איז דער הימל פאַרוואָלקנט — וועט דיר דער האָגל דאָס פּנים צעזעצן.

✠

כּבוד ברענגט צו קנאה — קנאה ברענגט נישט צו כּבוד.

✠

דער בעל־מקנא איז גרויס־אויגיק, ברייט־אויעריק און ענג־הערציק.

✠

דער רייכער איז אַמאָל מקנא דעם אָרעמאַן —
ווען גזלנים פאַלן אויף אים אָן.

רבנים

אמאָל, אז ס׳איז געווען אַ שאלה אויף אַן אָקס, האָט גע־פּסקנט דער רב, היינט, אַז ס׳איז אַ שאלה אויף אַ רב — פּסקנט דער אָקס.

✱

אמאָל פלעגט די שטאָט נעמען דעם רב — היינט מוז דער רב נעמען די שטאָט.

✱

אויב דעם רבס רייד שטימען נישט מיט זיינע מעשים, וועלן דעם עולמס מעשים נישט שטימען מיט זיינע רייד.

✱

אַ רב טראַכט ביי אַ ברית: — ווי דערלעבט מען שוין די חתונה,

ביי דער חתונה: — ווי דערלעבט מען שוין דעם גט.

✱

די, וואָס זאָגן מיר צו געצאָלט אויף יענער וועלט — קריגן באַצאָלט אויף דער וועלט.

דרויבקייט

דאָס, וואָס די אָרעמע האַלטן אויף די רייכע —
האַלט די וועלט פאַר אַ חוב;
דאָס, וואָס די רייכע האַלטן אַמאָל אויף די אָרעמע —
האַלט די וועלט פאַר אַ מצווה.

⁂

שעצן זאָלסטו בלוטיק געלט;
פאַראַכטן זאָלסטו געלטיק בלוט.

⁂

מיר יאָגן זיך נאָך געלט,
ווייל געלט יאָגט זיך נישט נאָך אונז.

⁂

מען זאָגט: געלט גייט אַוועק —
איך זאָג. געלט לויפט אַוועק.

⁂

דאָס לעבן איז אַן אוצר — פאַר די, וואָס האָבן דעם אוצר

⁂

דאָס וואָס מיר האָבן, איז נישט גוט;
דאָס וואָס ס'איז גוט — האָבן מיר נישט.

⁂

דער גייסט פון די רייכע — באַהערשט די רייכע פון גייסט.

⁂

פאַרוואָס שטייט אין דער תורה „לא תגנב״ און נישט „לא תגזל״ — ווייל אויף „לא תגזל״ זענען עובר די גבירים און אויף „לא תגנב״ די אָרעמעלייט.

✖

אַ מענטש וויל נישט ווערן רייכער ווי ער איז, נאָר רייכער ווי יענער איז.

✖

די רייכע האָבן געגרינדעט די באַנק —
צו האַלטן די אָרעמע אונטערן באַנק.

✖

דער, וואָס מאַכט זיך רייך — מאַכט זיך אָרעם.

✖

זאָרגסטו פאַרן געזונט — זאָלסטו זיך היטן;
זאָרגסטו פאַרן פאַרמעגן — זאָלסטו יענעם היטן.

✖

דער אָרעמאַן איז „געמיין״, דער גביר — חשוב.

✖

די גבירים האַלטן זיך ווייט
פון די אָרעמעלייט;
די אָרעמעלייט ווילן אָבער נישט ווייכן
פון דעם רייכן.

✖

די פולע קעשענע קען נישט אָנפילן דעם ליידיקן קאָפּ.

✖

מיט, דעם וואָס זיצט אויבנאָן — הויב נישט אָן.

רעדנער

די צוהערער זענען מער אנטוויקלט ווי דער רעדנער:
די צוהערער קומען הערן די רעדע
דער רעדנער — די אפלאדיסמענטן.

✖

בעסער א דרשה אן אן אנהייב — איידער אן א סוף.

✖

דרייסטו מיט דער צונג—מסתמא דרייט זיך דיר אין קאפ.

— וואס ווילן פון אונז די מגידים?
— געלט פאר די דרשות.

✖

רעדסטו וועגן זיך —
וועסטו נישט אראפגיין פון דער טעמע.

✖

אויב איינער פון די דעבאטאנטן שרייט —
מסתמא האט אים זיין אפאנענט צוגעדריקט.

✖

דער רעדנער מוז שטיין העכער פון אלעמען;
וועט ער שטיין גלייך מיט אלעמען — וועט מען אים נישט הערן.

רעדן

ווילסט איר אייער בנין זאָל נישט קראַכן,
רעדט נישט אויף פאַרשידענע שפּראַכן.

✖

קלעפּט זיך ביי דיר די צונג —
פאַרקלעפּט זיך ביי יענעם די אויערן.

✖

דער, וואָס האָט נישט וואָס צו טאָן —
האָט וואָס צו רעדן.

✖

מיט אונזער רעדן פאַרגרעסערן מיר יענעמס ליידן.

✖

די, וואָס האָבן האַרטע הערצעלעך —
האָבן ווייכע צונגעלעך.

✖

האָסטו געענטפערט גלייך — האָסטו נישט גלייך געענטפערט.

שווייגן

ביים רעדן דאַרפסטו טראַכטן וואָס צו רעדן און ווי צו רעדן — ביים שווייגן דאַרפסטו קיין זאַך נישט טראַכטן.

✖

פאַר אַן אמת זאָגן —
קריגט מען אָפט מיט אַן אמת געשלאָגן.

✖

איך האָב מורא פאַר דעם שטילן —
ווייל וואו ס׳איז פינצטער, דאָרטן איז שטיל.

✖

נישט איינער האָט צוליב אַ וואָרט —
פאַרלוירן זיין אָרט.

✖

פיל געדאַנקען — ווייניק ווערטער;
ווייניק ווערטער — פיל געדאַנקען.

✖

ס׳איז לייכט צו שווייגן — ס׳איז שווער צו פאַרשווייגן.

✖

אויב יענער הערט דיך ווי די וואַנט —
שווייג ווי די וואַנט.

✖

אַ זעלטענער רעדנער — איז דער, וואָס רעדט זעלטן.

✖

מיט אַ ביין ווערסטו איינשטילן אַ הונט, וואָס בילט,
מיט אַ קאָמפּלימענט — אַ פּרוי, וואָס שעלט.

✖

זאָג נישט צום ליידנדן: שריי נישט! —
שטיל איין זיינע יסורים, וועט ער אַליין שווייגן.

✖

דער שוואַכער — דער שרייער איז שטאַרקער
פאַר דעם שטאַרקן — דעם שווייגער.

✖

דו זאָלסט דיינע רייד באַגרענעצן,
ווען יענער הייבט אָן גענעצן.

שיכּרות

דער אידעאַל פון שיכּרות קען חרוב מאַכן אַ מענטשן —
די שיכּרות פון אידעאַל קען חרוב מאַכן אַ וועלט.

✖

ווען דאָס האַרץ איז ניכטער, איז דער קאָפּ שיכּור.

נויט ברענגט צו שיכּרות — שיכּרות ברענגט צו נויט.

✖

דער ביטערער טראָפּן פאַרזיסט — דאָס ביטערע לעבן.

✖

ביי דעם, וואָס טרינקט דאָס מים־המאררים,
ווערט געשוואָלן דער בויך,
ביי דעם, וואָס פאַרקויפט —
די קעשענע.

✖

מען קען זיך אויסניכטערן פון אַלטע געטראַנקען —
אָבער נישט פון אַלטע געדאַנקען.

שלום

מיר זאָגן „עושה שלום", ווען מיר האַלטן ביים אויסגיין.

ווען מאַן און ווייב האָבן געהאַלטן מלחמה אין דער יוגנט און אויף דער עלטער איז ביי זיי שלום געוואָרן, איז נישט דערפאַר, ווייל מיט דער צייט זענען זיי קליגער געוואָרן, נאָר דערפאַר, וואָס אויף דער עלטער האָבן זיי זייער כוח פאַרלוירן

צעקריג איך זיך מיט אַ פריינט — ווערט די שנאה פאַר־טרייבן פון אַלע ווינקעלעך פון מיין האַרצן אַמאָליקע פריינטשאַפט:
ווער איך שלום מיט אַ שונא — ווערט דער שלום נאָך איבערלאָזן אין מיין האַרצן אַ ווינקל פאַר אַמאָליקע פיינטשאַפט.

לעבן אין שלום איז מעגלעך,
לעבן פון שלום איז אוממעגלעך.

ס'קען נישט זיין צופרידן
דער, וואָס האָט ליב זיך צו קריגן.

הייסט דער מאַן „שלום" — הייסט דאָס ווייב „מנוחה".

שלעכטס

רער שלאַנג פאַרסמט זיך נישט מיט זיין אייגענעם גיפט.

די בין טראָגט איר שטאַכל אין מויל,
דער מענטש — אין האַרצן.

ביסטו גוט — איז זי שלעכט,
ביסטו שלעכט — איז זי גוט

יאַגד — איז אַ מין אַכזריות, וואָס הערשט אין וואַלד און דערגרייכט ביזן הימל;
פיש־כאַפן איז אַ מין אַכזריות, וואָס דערגרייכט ביזן תהום.

ועם שלעכטן פאַרדריסט, וואָס ס׳איז דאָ בעסערע פאַר אים, און פרייט זיך, וואָס ס׳איז דאָ ערגערע פאַר אים.

טאָן אַ טובה קענסטו אַמאָל פאַרזאָמען:
אַ רעה צו טאָן — ווּעסטו אַלע מאָל געפינען צייט.

דעם האָניק קריגן מיר מיט געוואַלד,
דעם ביס — פריייוויליק.

מאַכן האָניק קענען די בינען נאָר אַלע צוזאַמען,
אָבער אַ ביס געבן קען יעדער איינער.

דאָס פאָלגן די שלעכטע — ברענגט צו שלעכטע פאָלגן.

שנאה

קוּק נישט קרוּם אויף דעם קרוּמען.

ווען דו זאָגסט, אַז יענער איז דיין קעגנער —
זאָלסטו נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אויך זיין קעגנער.

טראָגסטו אַ שפּיז אין בוּזעם,
איז דיין האַרץ אויך אין געפאַר.

האָט דיך קיינער נישט פיינט —
מסתמא איז נישטאָ וועמען צו פיינט האָבן.

מיר לויפן צו פריינטשאַפט,
ווייל מיר ווילן אַנטלויפן פון פיינטשאַפט

פאַר אַוועקמאַכן מיט דער האַנט —
צעטרעט מען מיט די פיס.

ווערט דיין פריינט אַ שונא, איז ער אַ גאַנצער שונא;
ווערט דיין שונא אַ פריינט, איז ער אַ האַלבער פריינט.

ביט אַ הונט אַ ביס — איז דאָס נישט געפערלעך,
איז ער משוגע — איז דאָס געפערלעך;
ביט דיר אַ מענטש אַ ביס — איז ער משוגע,
איז דאָס נישט געפערלעך,
איז ער קלאָר — איז דאָס געפערלעך.

⁂

צווייען האָב איך פיינט און אַ דריטן נישט ליב:
אַ רייכן סאָציאַליסט, אַ פּראָצענטניק אַ נדבן, און אַ קצב
אַ צער־בעלי־חיימניק.

⁂

קנאה זעט — וואָס זי זעט נישט;
שנאה זעט נישט — וואָס זי זעט.

תאווה

די תאווה פון הערשן איז שווער צו באהערשן.

ניט אַלע שיינע פרויען רייצן —
נאָר די אַלע, וואָס רייצן, זענען שיין.

דער מענטש איז זיך פורש פון זיינע תאווה —
ווען די תאוות זענען זיך פורש פון אים.

אַלע חלושים — זענען פרושים.

האָט דיך ווייַן פאַרשיכורט — וועסטו זיך אויסניכטערן;
האָט דיך א פרוי פאַרשיכורט — וועסטו שוין ניכטער נישט ווערן.

אַריינקריכן אין בלאָטע איז גרינג —
ארויסקריכן איז שווער.

די קאַפּריזן פון די אַלטע ווערט פאַרגרעסערט,
ווייל די אַלטקייט האָט זייערע תאוות פאַרקלענערט.

אויס מענטש — אויס תאווה;
אויס תאווה — אויס מענטש.

✱

די שוואַכסטע תאווה איז שטאַרקער
פאַר דעם שטאַרקסטן ווילן.

✱

ברענט בײנאַכט דער עמוד=אש,
קומט בײטאָג דער עמוד=ענן.

תורה

מיט דער צייט וועלן די גויים אונזער תורה פארגעסן,
אָבער מיר זייער שכר-לימוד וועלן האָבן צו געדענקען.

✖

גאַליליעס תורה וועט איבערלעבן דעם גאַליליערס תורה

✖

די תורה, וואָס קומט פון אינעווייניק,
מוז מען לערנען אויף אויסנווייניק.

✖

די תורה קומט פון הימל —
דעריבער איז איר שווער צו האַלטן דאָ אויף דער ערד.

✖

די עשרת-הדברות זענען געגעבן געוואָרן פון הימל,
דעריבער קענען מיר זיי נישט האַלטן דאָ אויף דער ערד.

אינהאַלט

	זייט
צום לעזער	9
אומאָפּהענגיקייט	11
אַלטקייט	13
אמת	16
אָפּשייד	18
ארבעט	19
אָרעמקייט	21
אָרנטלעכקייט	22
באַלשעוויזם	24
באַליידיקונג	26
באַרימערײַ	29
גאווה	31
גוטס	33
גלחים	35
גליק	37
געלט	39
גערעכטיקייט	43
דאַנקבאַרקייט	45
דאָקטוירים	46
היפּאָקריטן	48
הכנעה	50
וועלט	53
זינגר	56
זיטן	59
חובות	60
חלום	63
חניפה	64
חתונה	66
טויט	70
טעטיקייט	71
טראַכטן	72
יוגנט	73
כאַראַקטער	74
כבוד	75
כעס	77
לוקסוס	79
ליבע	81
ליגן	84
ליטעראַטור	86
לעבן	90
לערנען	95
לשון־הרע	97
מאָראַל	100

	זייט
מוסר	101
מורא	103
מנהגים	105
מעלות	108
מענטשן	109
מענער	114
נאַטור	117
נאַרישקייט	119
עגאָאיזם	122
עניוות	123
עצות	124
פאַרגעניגן	125
פאַרטאָלגונג	126
פאַרשטאַנד	130
פוילקייט	134
פליסיקייט	136
פעלערן	137
פּראָגרעס	139
פרויען	140
פרייהייט	152
פריינטשאַפט	153
פרנסה	157
פרייל עכקייט	159
ציוניזם	161
צער	163
צרות	165
קאַמף	168
קאַרגשאַפט	172
קינדער	174
קליידונג	176
קנאה	178
רבנים	179
רייכקייט	180
רעדנער	182
רעדן	183
שווייגן	184
שיכרות	186
שלום	187
שלעכטס	188
שנאה	190
תאווה	192
תורה	194
אינהאַלט	195